STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09464

KHAVER LEBN

Leonid Feinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פײַנבערג

כאַװער לעבן

לידער און באַלאַדעס

פאַרלאַג: „פרײַנט"
ניו יאָרק
1938

"COMRADE LIFE"
POEMS AND BALLADS

Copyright 1938
By Leonid Feinberg
206 East 17th St., New York City

געזעצט פון י. בוראַקאָוו.
שאַרבלאַט געצייכנט פון זוני מאָוד.

ביכער פון ל. פיינבערג:

1. ערעוו שטורעם — — — — — — — — 1926
2. גרויס-שטאָט — — — — — — — — 1928
3. ליכט און ברויט — — — — — — — 1931
4. דאָוויד בלאַנק — — — — — — — — 1934

גרייט צום דרוק:

איבערגאַנג — טרילאָגיע אין פערזן:

ערשטער באַנד — יוגנט.
צווייטער באַנד — געראַנגל.
דריטער באַנד — באַווערשאַפט.

געדרוקט אין „פראָמפט פרעס"
209

אינהאַלט:

באַם שרייבטיש 5
סאַלוט, כאַוועך לעבן! 9
מיין יוגנט 17
מיין כאַוועך—מיין נאַגאַן 19
איך גלויב 21
נאָ פּאַסאַראַן! 23
אידיש 26
דער געפונענער זון 31
מוטערלאַנד (סאָנעטן-רינג) 38

די באַלאַדע פון די ליכטיקע היטער . . 55
די באַלאַדע פון בעני דעם פרעסער
און פיט דעם שויבנוואַשער 58
די באַלאַדע פון צעקרישלטן בוים . . . 61
דאָס זילבערנע רינגל 64
די באַלאַדע פון פּאָעט-וואַגאַבונד . . . 66
דער לעצטער פון זיין דאָר 69
די באַלאַדע פון דעם וואַנדערער . . . 72
די באַלאַדע פון נעגער דזשים 75
דער פינצטערער שאַליאַך 84
די באַלאַדע פון ליכט און ברויט 99

באַם שרייבטיש

כ'האָב ליב אזוי נאָך טאָג פון שווערער מי
און לאַנגן וואַנדער איבער ראָגן
אין שטילן כיידער ביזן בלויען פרי
באַנאַכט באַם שרייבטיש זיך פאַרטאָגן.

די שטילקייט בליט אַף אויסגעקאַלכטע ווענט,
אַף שראַנקן, טראָגעדיק מיט ביכער.
אַף ברוינעם טיש מיין ווייסער בליך־לאָמפ ברענט,
מיין פען איז ריִרעוודיק און זיכער.

די שאָען ברענען טריפיק—קנויט נאָך קנויט—
די שטילקייט שאַלט, ווי בינען זשומען.
געבענטשט זאָל זיין דאָס שטיקל קעז מיט ברויט
אין שפעטער שאָ, ווי האָניק אַף מיין גומען.

עס רוישט פאַרביי אַ הילכעדיגע באַן—
און ס'שטראָמט די פרייד אין מידע גלידער:
פון לענינ'ס קלוגן שמייכל אַף דער וואַנט,
פון פושקינ'ס זינגעוודיקע לידער.

איך הער דאָס אָטעמען פון ווייב און קינד
אַף יענער זייט פון אָפּגעצאַמטן ווענטל—
און ס'לעשט זיך שאָ נאָך שאָ, ווי ליכט אין ווינט,
און יעדע רעגע שפאַלט זיך אין אַ צענטל.

אין יענער שאָ פון פאַרכטיגן באַגין,
ווען ס'הענגט דאָס האַרץ אַף קרייץ פון שטערן,
ווערט קלאָרער מיר דעם לעבנ'ס קלוגער זין,
דער סאָד פון יערנדיקן ווערן.

מיין מידן גוף איז מער ניט שווער דער יאָך,
די לאַסט פון פראַצע און פון וואַנדער.
עס פראַלן־אויף זיך פענצטער אין צעפאָך,
און ווענט צעשפאַרן זיך פאַנאַנדער.

און איך דערהער: דעם שטילן שטערנגאַנג
און בלויע ברונימער פון מילכוועג,
און זייער אייביק־יונג און זילבערן געזאַנג
אין האַרצן קלינגט בעריישעסדיק און הילכיק.

און איך דערזע: די ברידער פון מיין קלאַס
אין טויט־געפעכט מיט האַר און מיט באַצווינגער.
גייט־אויף אין מיר דאָס ליד פון קאַמף און האַס—
ווי קאָן איך דעמאָלט אַ נ ד ע ר ש זינגען?

און כ'זינג אַ ליד דעם קעמפערישן מענטש,
אַ ליד פון מוט צו אויפגעוואַכטע ברידער.
אָ, זיי געבענטשט מיר, דריי מאָל זיי געבענטשט,
דו—שפעטע שאָ באַם שרייבטיש איבער לידער!

.1937

I.

לידער

סאַלוט, כאַוועך לעבן!

1. אין שפּיטאָל

וואו נאָך איז פאַרביקער דעם מענטשנ׳ס טרויער,
וואו נאָך איז גרויליקער דעם מענטשנ׳ס קאָל,
ווי אַפן שוועל פון אָפּגעצאַמטן טויער
צווישן טויט און לעבן — אין שפּיטאָל?

נישטאָ קיין וועג, נישטאָ דאָ קיין צוריקקער
און קיין דערלייכטערונג פון שטומען גרויל.
נישטאָ קיין מענטשן דאָ — פאַראַנען שטיקער —
און יעדער שטיק — אַ גליענדיקער קנויל.

דאָ הערשט אַ האַנט, וואָס היילט מיט שאַרף פון מעסער,
וואָס ווילדפלייש שניידט און ברענט דעם פוילן קויט.
וואו נאָך איז הייסער, גרויזאַמער און גרעסער
די שטומע שרעק און טערפקע פרייד פון טויט?

ס׳איז יעדער האַרץ מיט טרויער דאָ פאַרצויגן
און אָנגעזאַפּט מיט פּאַכעד און מיט גרויל,
און ס׳בריט די שרעק, ווי פריסעק, אין די אויגן:
אַ טאָג, צי צוויי — ס׳וועט קומען אויך דיין ריי. . .

3. פּאַרטאָג

פּאַרטאָג. איבער וואָרד, ווי צעבויטעטע ליילעכער,
טרייבט די שאָטנס פֿון ווענט אַ פּראָסטיקע שיין —
און עס פּיבערן גופֿן און עס גענעצן מיילער
און עס הויערט שפּיטאָל אויפֿן בראָכשטול פֿון פּיין.

אַן אַנעמישער טאָג, ווי אַ גרין־בלייכער סקרופֿל,
בליקט דערשראָקן־פֿאַרווירט דורך פֿענצטער־ראָם —
און עס שטרעקן זיך גופֿן און עס הויבן זיך גופֿן
פֿאַר אַ טאָג פֿאַר אַ נייעם פֿון ווייטיק און קראַמף.

די טירן פֿון וואָרד שטייען אָפֿן־צעפּראַלטע
און עס ווייעט פֿון זיי מיט אַ טויטלעכן פֿראָסט.
ס'איז געפֿאַלן דער דיכטער אין פֿרימאָרגן אין קאַלטן,
אין צעבויטעטער שלאַכט אויף זיין ערלעכן פּאָסט.

די טירן פֿון וואָרד שטייען אָפֿן, ווי מיילער —
און גרויס איז פֿון טויט יעדן טאָג דער געוועט.
געבראַכט האָט מען אים פֿאַרטאָג אין אַ ליילעך
און באַלייגט אין אַ ווינקל אויף אַ שמאָלן בעט.

3. האַנט פון שניטער

יאַטרען טעג, ווי אייטערדיקע וואונדן,
יעדער טאָג — אַ פייניקער, אַ קאַט,
אין געפלעכט פון וואונד־און־ווײי געבונדן,
ליגט דער ד י כ ט ע ר אויסגעצערט און מאַט.

טריפן טראָפנס טרעפעדיקן רעגן
טראָפ־נאָך־טראָפ מיט טריפעדיקע טריט,
ווײנען וויאַלע בלעטער אינעם פאַרק אַנטקעגן
אונטער שטומער סאַרפענדיקער שאַרף פון שניט.

דורכן פענצטער זונעדיקער זייגער
אין שלאַקרירִיק־סקריפּיקן געדריי
ציילט דעם דיכטער׳ס כאָרכלדיקע רעגעס,
ציילט מיט ווייזערס זשאַווערדיקע צוויי.

באַ זיין בעט וואַכט ט ו י ט, ווי אַ באַגרעבער,
אויסגעפוצט אין פראַק און שוואַרצן הוט.
ווער וועט קומען ראַטעווען זיין לעבן?
ווער וועט קומען אויסלייזן זיין בלוט?

יאָמערט פאַרק אין האַרבסטיקן געוויטער,
זון פאַרגייט אין געלן וויאַן־און־וויאַל . . .
וועט די שאַרפע שוואַרצע האַנט פון שניטער
פאַלן אַף זיין וויאַנעדיקן האַלדז?

4. אָוונט

אָוונט. שפּעטער ווינטער־אָוונט אין שפּיטאָל.
אַף די בעטלעך — לאַנג און הויך און שמאָל —
ליגן קראַנקע, ליגן בלייכע — הויט און ביין. —
שטומער ווייטיק, טעמפּער פּאַכעד, קריץ פון ציין.

גסיסע־כאָרכל, קרום פון מויל, געכליפּ און כראָפּ —
און עס הויבט זיך און עס נידערט קראַנקנ׳ס קאָפּ.
דורך די פענצטער קאַלטער מוילעד איבער בעטן טריפט
אַף צעגליטע, רויטע וואונדן שוימענדיקן גיפט.

בריט די וואונדן מוילעד־סאַם מיט פריסעק און מיט זאַלץ
רייסט זיך ווייטיק פון געדערים דורכן האַלדז.
דורכגעריסן — און צעוואָיעט ווי אַ וואָלף
און פאַרפלייצט דעם ווינטער־אָוונט אין שפּיטאָל.

:: :: ::

איז געקומען אַ נאַכט, ווי אַ ברונעם שוואַרץ
און באַשאָטן די קילקייט פון בעטן מיט זשאַר.
האָט זיך ווייטיק צעהוליעט, צעלאָזט איבער וואַרד,
ווי אַ ווילדע, צעיושעטע נאַצישע האָרד.

האָבן שפּיזן פון ווייטיק אַיִן וואַרדישע שלאַכט
צעלעכערט, צעשניטן דאָס לייב פון דער נאַכט.
איז געקומען פאַררעטער — דער צווייפל צו גיין
און אַ גריזשע דאָס האַרץ, ווי אַ קעלעוו — אַ ביין . . .

5. אין דעלירױם

באַנאַכט אַף זײַן האַרטן געלעגער,
װען דער שלאָף דעקט די אױגן צו, —
װען דער װ ו אָ ר ד אָטעמט פול ביז די ברעגן
מיט װײַטיק און פֿײַנלעכער רו, —

װען שאָטנס פֿאַרבלאָנקעטע זינקען
אין װאָלפֿישן פּיסק פֿון דער נאַכט,
און אין װײַטסטן און טונקעלסטן װינקל
ליגט דער װאָרדישער שעד און װאַכט, —

אַזאַ שעדל אַ דינס, אַ פֿאַרשטעקל,
אַזאַ שנעק מיט אַ פּליכל אַ קלײנס —
און עס דרײט מיטן מײַזישן עקל
און פֿאַרגײט זיך אין אַ קײַך־געװײן, —

קומט דער טויט און זעצט זיך צוקאָפּנס,
נעמט אַרום אים מיט קנאָכיקע הענט:
אַזױ ענלעך צו אים, װי צװײ טראָפּנס,
אַזױ נאָענט, װי ס'אײגענע העמד.

ער צעעפֿנט די אױגן, װי רעדער,
הערט זיך צו: ניט קײן פּיפּס, ניט קײן שאָרך...
נאָר עס סקראָבעט דאָס װאָרדישע שעדל
אין טונקעלסטן װינקל־לאָך.

ווערט סומנער אָרום און געהיימער.
ער קוקט זיך אַרום אין שטוין:
דאָס ש ע ד ל — זיין וואָרדישער שוימער —
טוט זיך אָן אָף זיין פליכל אַ קרוין.

און עס לאָזט זיך אין טאַנץ דאָס שנעקל
מיט די שלאַבעריק־דאַרע פּיס —
און עס בלישטשעט זיין מייזיש עקל
אין דעם כאָלעל פון נאַכט, ווי אַ שפּיז.

שטרעקט דער טויט זיינע הענט, ווי אַ סקרופּל,
צו זיין איינציקער לעצטער וואָך —
און עס שטאַרט שוין ס׳צעטראָגענע גופל
מיט די אייגלעך פאַרגלאָצט אין דער נאַכט.

און פאַרטאָג, ווען די קראַנקנשוועסטער
דרימלט־איין באַ איר טישל שטאַר, —
טראָגט די נאַכט אים צום האָפן צום לעצטן,
וואו איר שיפל פאַראַנקערט ווארט.

און מיט ליידיקע אויגן פאַרמאַכטע,
ווי אַ פאַסטעך — זיין קראַנקע שאָף —
וויגט די נאַכט אין אַ זילבערנער יאַכטע
און פאַרוויגט אים אין אָרעמס פון שלאָף.

6. אין דערוואַרטונג

דער אָוונט טריפט מיט בלוטענדיקע וואונדן,
ס׳איז יעדע שאָ — אַ פריש־געקוילעטע לאַם.
ער וואַרט אַף איר אין אָוונטדיקע שטונדן
און ס׳הענגט זיין בליק אַף טיר׳ס אַף שמאָלער ראַם.

די שטילקייט שאַלט — אַ פלאַטערדיקער זעגל
אין הילף־גערוף אַף שטורמדיקן יאַם.
און ס׳טריפט די צייט, ווי בלוט פון אונטער נעגל,
מיט שוים און גאַל, מיט אומרו און מיט סאַם.

אין פלום אין ראַשן אַף צעברויזטע שוועלן
דער טיק פון רעגעס ספּאַזמעדיק פּולסירט.
אַ קלאַפּ אין טיר . . . —„אַריין !“ — געקליידט אין העלן
באַווייזט זי זיך אין שמאָלער ראַם פון טיר.

אַ טראָט פאָראויס . . . אין אויגן הייסע, רונדע,
ווי קריעס, שמעלצט זיך גליווערדיקער גרויל . . .
און פיינלעך פאַלט זי צו צו פריסעקדיקע וואונדן
מיט קרום־צעוויטיקטן, מיט ספּאַזמעדיקן מויל.

דער אָוונט טריפט מיט בלוטענדיקע רעגעס.
ס׳איז יעדע רעגע איצט — אַ פריש־געקוילעטע לאַם.
נאָר ס׳שטראָמט אין אים אַריבער אַלע ברעגעס
פון אירע ליפּן היילענדער באַלזאַם.

ד. סאַלוט, כאַוועער לעבן!

קריכן אַף באַרגלאַנד פון צייט, ווי די שאָף,
טעג אָן אַן אָנהייב און נעכט אָן אַ סאָף.
פון פרי ביזקל שפּעט און פון שפּעט ביז קאַיאָר
טראָגן זיך קוילעס פון וואָרד צו וואָרד.

זיסקייט פון ווייטיק און פּיין — ווי לויג —
שפּרייט זיך שוואַרצאַפּל אַף ווייסל פון אויג.
מיילער אין שוים און אין בלוטיקער בראַי,
קעפּ — ווי געוויכטן און אייוורים — ווי בליי.

גופּן־סקעלעטן פון הויט און פון ביין.
גאַנוועט זיך טויט מיט אַ שמוך אַף די ציין.
ליגן כאַלאָאים צו צען אין אַ ריי —
טיף דער צעאַקער און רייך דער פּאַרזיי.

רייך דער פּאַרזיי און נאָך רייכער דער שניט —
קאָסעט דער טויט זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט.
אַ צוק מיטן אויג און אַ צוק מיט דער ליפּ —
געקריי און געכאָרכל, געכראָפּ און געכליפּ.

נאָר זיסער ווי האָניק און ביטער ווי גאַל
רייסט זיך פון גאָרגל און שפּאַרט זיך פון האַלדז
לעבעדיק לעבן — אַ ליכטיקער קנויט :
— „סאַלוט, כאַוועער לעבן !... נישטאָ מער קיין טויט !“—

מאַונט־סאַינע האָספּיטאַל, 1934.

מײַן יוגנט

מײַן יוגנט איז געװען: פֿאַרװאָרלאָזטע װאָקזאַלן
און בלוט אױף שנײ,
טעפּלושקעס *) לײדיקע אױף סקריפּענדיקע שפּאַלן
אין רעלס-געדרײ.

מײַן יוגנט איז געװען: אַ װילד-געיאָג פֿון רײַטערס
באַנאַכט אין סטעפּ,
אַ פֿונקנװאַלד פֿון גליִענדיקע שײַטערס
אױף בערג באַם דניעפּ.

מײַן יוגנט איז געװען: באַ הײסע פּולװער-סקלאַדן
אױף שטומער װאַך,
אַ װילד-געזאַנג פֿון װײַטער קאַנאָנאַדע
אינמיטן נאַכט.

מײַן יוגנט איז געװען: אױף שטײנערדיקע ברוקן
געצאַק פֿון טױט,
אױף יונגע צײן אַ שטיקל האַרטער צוקער
און לעפּקע ברױט.

מײַן יוגנט איז געװען: אין װינטערדיקע װײוגעס
מיט ביקס אױף בריק —
און הײסע נעכט אין שטעטלישע קאָמיוגן
און זשעניאַ׳ס בליק.

---

*) אָקסן-װאַגאָנעס.

מײַן יוגנט איז געװען: אַף װײַנפֿעלדער פֿאַרזײַטע
מיט טראַמפּלטראָט,
אַף פֿרילינג־צװײַט, אַף זומערדיקע קװײַטן
מיט פֿולעמיאָט.

מײַן יוגנט איז געװען: אַף פֿוילנדיקע זאַנגען
דער שניט פֿון טויט,
מיט אַלטער װעלט אַ גרױזאַמער געראַנגל
אַף טויט, צי רויט.

מײַן יוגנט איז געװען: אַף פֿלאַמעדיקע דעכער
אַ װינטיקער צעװײַג,
אַף ליפּן דאָרשטיקע אַ שױמענדיקער בעכער
מיט װײַן פֿון זיג.

מײַן יוגנט איז געװען: די אָפּגעדינטע גאָטן
אַף טיל און טעל —
און העלער שפּאַן דורך הודיענדיקע דראָטן
פֿון נײַער װעלט.

.1935

מיין כאַוועד—מיין נאַגאַן *)

אין פייכטן ווינקל פון אַ כיידער אַ פאַרלאָזטן,
אין שופלאָדל פון אַ צעלעכצטן שראַנק,
האָב איך געפונען דיך — אָן אַלטן און פאַרראָסטן —
אין שייד אין לעדערנער, מיין כאַוועד — מיין נ אַ ג אַ ן.

און כ׳האָב דערפילט אַ גליווערדיקן אָטעם
אין קאַלטן צוריר פון דיין בלויען שטאָל —
און ס׳האָבן אויפגעלויכטן ברויזנדיקע שאָטנס
פון אָפּגערוישטן פאַרביקן אַמאָל:

די ערד איז גרין געווען און פרילינגדיק און יוניק,
און ס׳האָט געשמעקט מיט בלוט, מיט באַרמינאָן
און בעז . . .
געהוליעט האָט מ אַ כ נ אָ, געהוליעט האָט
ט י ו ט י ו נ י ק —
און מיר האָבן געברענט באַ ק י ע ו ו און אָ ד ע ס.

די ערד איז רויט געווען פון בלוטיק-הייסער זריע
און בלייאיק האָט געגליט דער נאָנטער האָריזאָנט.
ס׳האָט ל ע נ י נ ס פאָן געברענט, ווי יעסנדיקע שקיע,
און שקיע האָט געברענט, ווי לענינס הייסע פאָן.

---

*) אַ רעוואָלווער.

עס האָט אין פּלאָקערפלאַם געשמידט דיין דינעם
שטאָל ווער
און ס'האָט געקאָוועט האַס דיין זיכערדיקע קויל, —
ביזטו מיר טריי געווען, מיין ליכטיקער רעוואָלווער,
מיט אָפענעם, מיט רויכערדיקן מויל.

איצט ליגסטו אַף מיין האַנט, — צעקריצלט און
פאַרזשאַווערט, —
און געניצסט טרויעריק מיט הוילן אינגעווייד, —
אַ, ברודער האַרציקער, אַ, אויסגעדינטער כאַוועד,
ס'וועט אונז נאָך זיין באַשערט אַ בליענדיקע פרייד!

דער טאָג געגענט, ווען ברויזן וועט אַ ק ט י אַ ב ע ר
אַף היגער ערד, ווי בלוטיק-הייסער בראַי,
וועל איך דיך אויפוועקן פון זשאַווערדיקן שלאַבער
און ווידער אָנפילן דיין אינגעווייד מיט בליי.

און וועל אַרויס מיט אויפגעברויזטע י אַ ט ן
אַף ר ו י ט ע ב אַ ר י ק אַ ד ן פ ו ן נ י ו
י אָ ר ק, —
וועסטו אויך דאָ מיך, כ אַ ו ו ע ר, נ י ט פ אַ ר ר אַ ט ן,
ווי אין אָ ק ט י אַ ב פ ו ן ז י ב ע צ נ ט ן י אָ ר!...

.1933

איך גלויב

זאָל זיין, אַז דער פּערציקסטער פרילינג
קלאַפּט, ווי האַרבסטיקער רעגן, אין שויב, —
נאָך ברויזן אין האַרצן און שפּילן
צוויי ווערטער, ווי פלייטן: איך גלויב!

זאָל זיין, אַז עס טראַמפּלט שוין אָסיען
איבער מיר מיט זיין קופּערנער זויל, —
איך גלויב: ס׳האָט מיין ליד נישט געשאָסן
אין פיינט נאָך די לעצטע קויל.

זאָל זיין, ס׳האָט דער האַרבסט מיך געטראָפן
פאַרוואונדעט אינמיטן שלאַכט, —
איך גלויב: ס׳שטייען גרייט מיינע סטראָפן,
ווי זעלנער געטריי אַף דער וואַך.

זאָל זיין, אַז דער פינצטערער הענקער
שאַרפט זיין האַק שוין אַף אומקום און טעל, —
איך גלויב, אַז מיין קלאַס וועט ברענגען
אַ ליכטיקע רעטונג דער וועלט.

זאָל זיין: נישט דערגרייכט כ׳האָב דעם טורעם,
דעם כאַלעם פון יונגע טעג, —
דורך פיין און דורך פרייד און דורך שטורעם
בין איך ערלעך געגאַנגען מיין וועג.

זאָל זיין, אַז געווען איז פאַרנעבלט
מיין וועג צו דעם ליכטיקן ציל:
ס'איז נישט יעדן באַשערט צו דערלעבן
דעם טאָג, ווען ס'וועט פאַלן ב אַ ס ט י ל.

זאָל זיין, עס איז פול שוין דער בעכער
מיט סינע, מיט פיין און מיט סאַם, —
איך גלויב: ס'וועט נישט בלייבן קיין זייכער
פון סוינע'ס פאַרמישפּעטן שטאַם.

זאָל זיין, אַז ניט מיר וועט באַשערט זיין
צו דערגיין ביזן לעצטן עטאַפּ, —
איך גלויב: ס'וועלן פלאַקערן הערצער
אין יאַנטעוו פון לעצטן אָקטיאַב.

זאָל זיין, ס'איז מיין לעבן פאַרסאַרפּעט
אַף האַרבסטיקע שייטערס פון האַס, —
איך גלויב: ווי פייער אַף פאַרמעט,
וועט לויכטן מיין ליד פאַר מיין קלאַס.

.1935

נאָ פּאַסאַראַן!

עס האָט מיך היינט מיין זון באַם סאַמע שוועל באַגעגנט:
— נ אָ פּ אַ ס אַ ר אַ ן!
איך בין געבליבן שטיין פאַרבליפט, געפלעפט אַ רעגע,
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.

עס שטייט פאַר מיר מיין יאַט און פליעסקעט מיט
די דלאָניעס,
אַף ליפּן — אַ געזאַנג:
— „ס'האָט היינט באַטאָג מיר „מאַ" געלייענט צווישן
„פאַנים":
— נ אָ פּ אַ ס אַ ר אַ ן!

— „ס'האָט „ליטל לעפּטי" פונעם „דעיל וואָרקער"
געזאָגט זיין כאַוועוערטע, דער קליינער פּעטסי סמיט:
— עס פּאַסט נישט איצט אַן ערלעכן ניו יאָרקער
נישט פאָרן קיין מאַדריד.

— „איך וויל נישט זיין דאָ מער. . . כ'וויל גיין
אַריבער יאַמען,
וווּ ליטל לעפּטי איז און פּעטסי סמיט.
פּאַק־איין די זאַכן, פּאַ, און גיב אַ קוש דער מאַמען
און נעם מיך מיט." —

האָב איך אַ הויב געטאָן מיין זונדעלע, מיין סאַנטשאָ*),
געקלונגען האָט זיין קאָל מיט פרייד און מיט געבעט.

צום ערשטן מאָל פאַר אונזער קורצער פריינטשאַפט,
ווי צו אַ גלייכן, כ׳האָב צו אים גערעדט:

— „מיט יאָרן צ׳ריק, מיין זון, האָט שוואַרצער
טאָרקוועמאַדאַ **)
די זין פון אונזער פאָלק אַף שייטערן געברענט, —
היינט שטרייטן זיי באַנאַנד אַף שפּאַניע׳ס העלע
פּראַדאָס ***)
מיט בענטשנדיקע הענט.

— „און איך — אַן אייניקל פון קדושים און מאַראַנען, —
אַ באָלשעוויק, אַ דיכטער און אַ איד, —
מיין האַרץ האַלט וואַך מיט זיי, מיט בעסטע זין,
מיט שפּאַניע׳ס,
באַם טויער פון מאַדריד.

— „זאָל רייסן שפּאַניעס לייב אַן אייוועער נאָך אַן אייוועער
דער בלוטיקער רעבעל, —
באַם טויער פון מאַדריד מיר גרייטן איר אַ קייווער,
דער רויבערישער וועלט.

— „זאָל דראָען אייניקייט פון דוטשע-היטלער-פראַנקאָ
מיט טראָט געפּאַנצערטן, מיט טויטנדיקן שפּאַן, —
ס׳אַ וואָרט אַזאַ פאַראַן, ס׳איז מעכטיקער פון טאַנקען:
— נ אָ פּ אַ ס אַ ר אַ ן!

— „פֿאַראַן, מײַן זון, אַן אייניקייט אַ צווייטע,
וואָס שטאַרקער איז פֿון סינע און געווער:
זיי שמידן באַ מאַדריד פֿאַר אַלטער וועלט די קייטן,
באַפֿרייער פֿון דער ערד.

— „ווען קומען וועט דער טאָג פֿון אויפֿגעבליטע פֿאָנען,
אין בלוט געהייליקטע, אין שפּאַניעס הייסן בלוט, —
מיר וועלן ג ע ר נ י ק א און ב י ל ב אַ אָ דערמאָנען
מיט רויטן, זיגרייכן „ס אַ ל ו ד!"

— „ווען איר וועט אויפֿוואַקסן, איר, סעמס און
דזשעקס און טאָנים,
וועט פֿריי זיין אייער טראָט אין פֿרילינגדיקן לאַנד..." —
און ס'האָט מײַן זון צעפּליעסקעט זיינע דלאָניעס:
— נ אָ פּ אַ ס אַ ר אַ ן!
— נ אָ פּ אַ ס אַ ר אַ ן!

.1937

---

*) סאַנטשאָ—געווער-טרעגער. **) טאָרקוועמאַדאָ — דער שפּאַנישער אינקוויזיטאָר. ***) פּראַדאָס—בולוואַרן.

א י ד י ש

ז. וויינפּער'ן.

אין גרויער נאַכט פון מיטלאַלטער,
ווען ס'האָט געפלאַמט אוטאָ־דאַ־פע,
אַף וועגן שטייניקע און קאַלטע
געשפּאַנט אַ פאָלק האָט אַ קוואַד־פּע.

ווי ס'גאַרט אַ האַרץ נאָך גליק פאַרלאָשנס,
ווי ס'כאַלעשט גומען נאָך אַ טרונק,—
האָט ס'שטומע פאָלק געזוכט אַ לאָשן,
געלעכצט מיט פלאַפּלדיקער צונג.

געבאָרגט די הייוון באַ פראַנצויזן,
אַ מעסטל האָניק באַם ט אַ נ אַ ך,
אַז נאָכן אויפיערן און ברויזן,
זאָל זים אַף גומען זיין די שפּראַך.

אַ קאָרעץ קאָרן באַ די סלאַוון,
אַ טיפּע מולטער — באַ דעם דייטש —
און ס'האָבן מאַמע־הענט שערשאַווע
פאַרקנאָטן ס'טייג פון אידיש־טייטש.

פון ווערטער פּאָשעטע, ווי גראָשנס,
פון פּראָסטע, וואָכעדיקע רייד
איז אויפגעגאַנגען מ אַ מ ע ־ ל אָ ש ן,
ווי פּריש, געראָטן היימיש ברויט.

אין שטעטלעך הויקערדיקע, וויסטע,
אין ליקן שיקלדיק און נאַס,
אַף אַלע בליענדיקע מיסטן
פון שוסטערגאַס און יאַטקעגאַס,

אין קיך, אַף בוידימער, אין קעלערס,
אַף שפּעטע „סכאַדקעס" ביז קאַיאָר, —
אַ טרייסט פאַר דינסטן און געזעלן
געווען איז אונזער אידיש וואָרט.

פון זיד־אוקראַינע און פון רייסן
פון פּוילן, ליטע און וואָלין
געקומען זענען יונגע גרייזן
מיט רוקנס — הויקערדיק און דין.

צוערשט — דער אַלטער פּאַקנטרעגער
מיט מאַיסע־ביכלעך אין דער האַנט
האָט איבער הויקערדיקע וועגן
זיין קלוגע קליאַטשע איינגעשפּאַנט.

נאָך אים — מיט הייסן דאָרשט נאָך וויסן,
צו ערשטע שטרייטן נישט געגרייט,
האָט פּערעץ הילפלאָז זיך געריסן —
אַ לייב — אין פּאַליש אַף דער קייט.

נאָך זיי — מיט שטראָפנדיקן שמייכל
אַף מויל, צעאַקערטן פון לייד,
געקומען איז ש אָ ל ע ם אַ ל י י כ ע ם,
מיט ט ע ו ו י ע ם אַ מ כ אָ ד י ק ע ר פ ר י י ד.

דערנאָך — אין טריאומפאַלן וואָגן
מיט דריי פערד נ אַ ש פ י ץ — אין גאַלאָפּ
האָט ש אָ ל ע ם אַ ש זיך דורכגעטראָגן
מיט קרוין אַף גאַיוועדיקן קאָפּ.

און דאָ — אין לאַנד פון פעדלער־מעקער,
פון אָרטשאַרד, ריווינגטאָן און פּיט
איז אויפגעגאַן, ווי קאָרן־לעקער,
אין איינגע מולטערם אונזער ליד.

און דאָ — אין לאַנד פון מי און סוועט־שאַפּ,
אין העפקער פון אַ פרעמדער וועלט,
געקעמפט פאַר פרייהייט האָט ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י,
מיט שאַפּ געפאָכטן — ר אָ ז ע נ פ ע ל ד.

און קעגן מעכטיקע און כאַשעווע
און קעגן קרוין און קירך און שטאַט
געשטורעמט האָט דער צערנער ב אָ ו ו ש אָ ו ו ע ר,
געדראָט דער צאַרטער ע ד ע ל ש ט אַ ט.

:: :: ::

און איידער ס'האָט נאָך טויט פאַרשלונגען
דעם לעצטן הילך פון זייער צייט,
געקומען זיינען הייסע יונגען
פון קריג, אַקאַפּעס און פון שטרייט.

מיט לידער פריש, ווי צווייט פון קאַרשן,
מיט פאָן פון ליכטיקן אַקטיאַב —
און אויצרעס גרונטיקע געיאַרשנט
ביי זיי — די נויט־זינגער פון שאַפּ.

געקומען פון צעלעכצטע פראַנטן,
די זין פון שטורעמדיקן הײַנט,
אַריינגעיסן אין נייע אַנטלס*)
דאָס ליד, ווי ברויזנדיקן ווײַן.

איצט שפּאַנט אַ דיכטער־דאָר דורך פּכאָדים,
דורך פּיין און הונגער, נויט און שטרייט,
און שפּינט דעם ליכטיק־רויטן פאָדים
פון אונזער אויפגעברויזטער צייט.

באַם האַדסאָן, ווייכסל און באַם ניעמאַן,
באַם בוג, באַם דניעסטער און באַם
דניעפּ —

אַ, וויפיל וואונדערלעכע נעמען,
אַ, וויפיל פלאַמעדיקע קעפּ!

---

*) אַנטלס — פעסער.

פון מאַסקווע ביז בוענאָס-איירעס,
פון פּריסקאָ ביז בּיראָ-בּידזשאַן —
אַריבער יאַמען, שטעט און פּרעירים
הילכט אונזער קריגערישער שפּאַן.

מיר קנעטן ליים און טראָגן ציגל,
און ס'שווינגען שווינדלדיק די הענט —
און ס'וואַקסט אַרום דעם גאַנצן איגול
אַ רייף פון שטאָל — דער פונדאַמענט.

עס לויכטן פלאַמיק די געזיכטער
און ס'וואַקסט דאָס ליכטיקע געביי, —
און ס'יערט די פרייד באַ יעדן דיכטער:
ס'איז אויך זיין אַקסל דאָ דערביי...

מיר גייען-אויף אַף אַלע טראַקטן
מיט יונגע זינגעוודיקע טריט,
און ס'ברויזט און שטראָמט אין טויזנט טאַקטן
דער אָטעמצוג פון אונזער ליד.

און איבער העלער הויך און נידער,
אַריבער לעסטערונג און טויט
גייט אויף דאָס ליד פון מאַמע-אידיש,
ווי פריש, געראָטן היימיש ברויט.

.1929

דער געפונענער זון

1.

ער געדענקט: איבער פעלדער פלאַקסענע
אין צעפלאַקער פון בירגער־קריג
דורך נאַכט און דורך האַרבסטיקע שלאַקסן
האָט געיאָגט מיט געהוד פאַראָוויק.*)

אין טעפּלושקע סאָלדאַטן, ווי ווערים,
פויזען שטום איבער דיל און ווענט —
מיטאַמאָל — אַף זיין הייסן שטערן
צוויי קאַלטע, צוויי מיידלישע הענט.

ער געדענקט, ווי אין היץ פון דעליריום
האָט געפיבערט דער רעלסיקער שליאַך —
און די לופט, ווי אַ רויטער שירעם,
האָט פאַרדעקט זיי אין יענער נאַכט.

און שפּעטער — אַ הוילע אַלייע
אין אַ האַרבסטיקן מאָסקווער פּאַרק.
ס'האָט אַ האַרץ זיך געקאָרטשעט אין ווייען,
ס'האָבן אויגן געגליט, ווי זשאַר.

ער געדענקט זייער קורצע ליבע:
אַ וואָך אָדער צוויי — נישט מער,
איר בייזן, גערעכטן פאַראיבל,
אַף איר באַק אַ פאַרזאַטענע טרער.

---

*) פאַראָוויק — לאָקאָמאָטיוו.

אין געשיקלטע הירשן־אויגן
דעם לעצטן פאַרטרויערטן בליק —
און דערנאָך איז ער ערגעץ פאַרפלויגן
אין צעפלאַקער פון בירגער־קריג.

איבער לענג, איבער ברייט פון מעדינע
האָט געבראַנדיקט מעסלעס נאָך מעסלעס,
ס'איז געבליבן אַ נאָמען ד י נ ע
פון אַ שטעטל ניט ווייט פון אָ ד ע ס.

און געבלייכט האָט איר בילד, ווי אַף בלעטער —
אַן אַלט און פאַרמעקט געשריפט...
און פלוצים — מיט דרייצן יאָר שפּעטער —
אין ניו יאָרק — אַ כאַווערשער בריוו:

— „אַנטשולדיק פאַר דרייצן יאָר שווייגן.
פון די פעלדער פון בירא־בידזשאַן,
פון דער טיף פון באַפרוכפּערטער טאַיגע,
שיקט אַ גרוס דיר ד י נ ע ק אַ ז ש ד אַ ן.

— „דו געדענקסט אונזער קורצע ליבע
אין דעם האַרבסט־טאָג אין מאָסקווער פּאַרק?
כ'האָב שוין לאַנג נישט אַף דיר קיין פּאַראיבל
און איך טראָג נישט אַף דיר קיין האַרץ.

— „כ׳האָב אין מאָסקווע געוואַרט דאָן דריי מאָנאַט,
כ׳האָב געהאָפט דו וועסט קומען צוריק:
פון די הייסע, צעווינטיקטע פראָנטן,
פון צערודערטן בירגער־קריג.

— „אומזיסט . . . כ׳האָב מיט ווייטיק מיין גורל
געצוימט, ווי אַ בייזן הונט.
כ׳האָב שפּעטער אַ זון געבוירן,
אַ זייכער פון אונזער בונד.

— „ס׳האָבן יאָרן, ווי ווינטן מאַרצאָווע,
פאַלאַשן די סינע — ווי ליכט.
כ׳האָב געדענקט בלויז אַ נאָמען ל י אָ ו ו ע
און דיין מאָגער, מאָנגאָליש געזיכט.

— „געגרויסעסט האָט לאַנגזאַם מיין שטעטל
אין אומקום, אין שרעק פון פּאָגראָם.
באַגעגנט האָב איך מיך שפּעטער
מיט אַ כאַוווער — אַן אַגראָנאָם.

— „ער האָט מיך קיין שאַילעם קיין האַרבע
נישט געפרעגט: ווער און וואָס און פון וואַן?
מיר זיינען אַוועק אַף אַרבעט
אַף די פעלדער פון בירא־בידזשאַן.

— „ס'וואַרט דאָס לאַנד דאָ אױף העק און אױף בױער.
ס'איז פֿאַראַן דאָ אַזױפֿיל צו טאָן.
עס ריזלט מיט זאַפֿטן די רױ־ערד
און קױכעס גיגאַנטישע מאַנט.

— „נאָר צו־וואָס דיר דערציילן וואונדער
וועגן מיר און מיין לעבן דאָ :
ס'איז אַ שאָ דאָ אַמאָל אַ יאָרהונדערט,
אַ יאָרהונדערט אַמאָל אַ שאָ.

— „ס'איז עמעס : אין פּראַצע און שטייגן
איז דאָס לעבן דאָ ווייט פֿון ראָז, —
נאָר עס וואַקסט אין סיבירישער טאַיגע
יעדן פֿרילינג אַ נייער קאָלכאָז.

— „און ווי הייסע, צעשאָטענע שטערן
אױפֿן הימלס באַנאַכטיקן סטעפּ,
בליען פֿריידיק, ווי מאָן, פּיאָנערן
מיט שוואַרצע און בלאָנדע קעפּ.

— „צווישן זיי — ווי אַ שלאַנקער טאָפּאָל,
פֿאַרוואָרצלט אין היגער ערד,
צווישן טראַקטאָרס און גאָלדענע סנאָפּעס
וואַקסט דיין זון — דער פּ י אָ נ ע ר.

— „ער גרייט זיך אין דריי־פיר זומערס
אַריינטרעטן אין ק אָ מ ס אָ מ אָ ל.
און געפרעגט האָט ער מיך אַנומלט:
צי הער איך פון דיר אַמאָל?

— „כ'האָב אַלץ אים דערציילט — און מערקווירדיק,
ער טראָגט נישט אַף דיר קיין קאַס.
ער ווייסט, אַז דו קעמפסט אין אַמעריקע
אין די רייען פון אַרבעטער קלאַס.

— „ער האָט ד י י ן צעקאַרבטן שטערן
פאַרקנייטשט באַ דעם סאָף פון שמועס
און פון אים און זיין קאַדר פיאָנערן
געבעטן דיר שיקן אַ גרוס:

— „שרייב מיין ווייטן פאָעטישן טאַטן,
זאָל ער דאָרט מיטן אַרבעטער קלאַס
איבער גאָר די פ אַ ר א י י נ י ק ט ע ש ט אַ ט ן
דערקלערן אַ ס אָ װ ע ט ס ק י װ ו ל אַ ס ט!“ —

— „איך שיק דיר זיין גרוס און זיין ליבע
פון סאָוועטישן ב י ר אָ ־ ב י ד ז ש אַ ן.
זיי געזונט. שרייב אַמאָל אַ בריוול:
ווי לעבט זיך דיר?

—ד י נ ע ק אַ ז ש ד אַ ן.“—

2.

ס׳האָב אויגן מיט פרייד געשלונגען
דעם גרוס פון סאָוועטישער ערד.
און דאָס האַרץ האָט געשלאָגן מיט פונקען
און אין האַלדז האָט געשטיקט אַ טרער.

ס׳האָבן ווערטער, ווי ברויזיקע לאַווע,
געגליט אונטער שולדיקער האַנט:
— „זיי געגריסט מיר, מיין ליבע כאַווערטע,
אַף די פעלדער פון ב י ר אָ - ב י ד ז ש אַ ן!

— „איך ווייס: איך האָב שווער פאַרבראַכן
קעגן דיר אין יענע טעג,
נאָר אין העפקער און סומאַטאָכע
האָט די יוגנט געשווימט איבער ברעג.

— „איך וואוין אין אַ רייכער מעדינע —
אַ דיכטער — אַ באָלשעוויק —
און איך בין דיך מעקאַנע, ד י נ ע ,
מיט דיין „אָרעם״ סאָוועטיש גליק.

— „און ס׳איז עפשער נישט שיין און נישט וויכטיק
צו שרייבן דיר, ד י נ ע , דערפון,
נאָר פריידיק ווערט מיר און ליכטיק,
ווען איך טראַכט וועגן אונזער זון.

— „און אַ שטאָלץ אַזאַ הייסער פאַרפלייצט מיך,
וואָס אַף פרייער סאָוועטישער ערד
צווישן טראַקטאָרס און גאָלדענע ווייצן
וואַקסט אַ זון מיר — אַ פּ י אָ נ ע ר.

— „און אַז טאָג וועט אַמאָל געגנענען,
ווען אַף פאַרם, אין פאַבריק און אַף סקווער
וועט ברויזיק און רויט זיך צעברענען
דער אויפשטאַנד אַף ה י ג ע ר ע ר ד,

— „און מיר וועט באַשערט זיין ווידער
אַרוים אין צעברויזטן ניו יאָרק
קעגן סוינע מיט ביקס און מיט לידער,
ווי אין האַרבסט פון דעם צ ו ו אַ נ צ י ק ס ט ן יאָר,

— „און דערנאָך, ווען אַף שטרעקעס אַף לאַנגע
וועט זיך שפּרייטן דער מאַטעריק —
פון נ י ו י אָ ר ק און ביז ל אָ ס - אַ נ ג ע ל ע ס
א י י ן ס אָ וו ע ט י ש ע ר ע פּ ו ב ל י ק,—

— „פון די היגע צעבויטעטע ראַכוועסן
צו די ברעגן פון ב י ר אָ - ב י ד ז ש אַ ן
וועל איך שטרעקן מיין זון — מ י י ן כ אַ ו ו ע ר —
אַ ברידערלעך־שטאָלצע האַנט.“ —

.1933

מוטערלאַנד (סאָנעטן־רינג)

צום 20טן יובילײ
פון דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד

.1

אַ, רוסלאַנד, טרויערלאַנד פון לאַפּטשע און סערמיאַגע,1)
אַ אײנזל־פעלז, געצוימט פון זײטן פיר מיט יאַם, —
אַף שײטערס פּראַסטיקע צעבלאָזן האָט דײן פלאַם
דער צאַפּנדיקער װינט — דער אײביקער בראַדיאַגע.

דײן קאָפּ—אַ פעלזנשטײן, דײן האַרץ—אַ שטומער לאַם,
און אױגן—גיריק־בלױ און בליציק, װי אַ שפּאַגע,
און אָרעמס מעכטיקע פאַר העלדישע געװאַגן,
און גװילעמדיקע פיס—װי זײלן מידבער־זאַמד.

װער קאָן דיך אױסמעסטן אין לײנגען און אין ברײטן?
װער קאָן דען אױסשעפּן דײן ליבע און דײן האַס?
אַ גװאַורעדיקער ספינקס, געפּאַנצערטער אין קײטן,
האָסטו זיך אױסגעשפּרײט פון אײז־יאַם ביז קאַװקאַז.

װען ביזט נאָך יונג געװען, אין בלי פון דײנע טעג,
געריסן האָט דײן לײב דער װילדער פּעטשעניעג.2)

---

1) סערמיאַגע — אַ פּויערשער מאַנטל.
2) אַ טאַטעריש פאָלק, װאָס פלעגט אָפט באַפאַלן די רוסישע שװאַטים.

.2

געריסן האָט דיין לייב דער ווילדער פּעטשעניעג,
געטראָמפּלט איבער דיר דער טאָטער און דער קירע,1)
אָ, רוסלאַנד, שעפּסנלאַנד פון ראָצכים און מאַרטירער,
ווער, היימלאַנד מיינס, האָט ניט געפּלינדערט דיין
פאַרמעג ?

מיט סטעפּעס גראָזיקע, מיט פעלדער—ווי אַ ווירע—
האָסט אויסגעצויגן זיך אין גוואורעדיקן שטרעק—
און ס'וואַשן וואַסערן דיין אומעטיקן ברעג
פון וואָלגע און אַמור, פון דניעפּער און פון בירע. 2)

פון ווילדער אַזיע ביזטו געווען א י י ר אָ פּ ע ,
אייראָפּע'ס — אַ ז י ע , מיין ליכטיק מוטערלאַנד,
האָסטו אין זיך אַליין צענויפגעשמעלצט, ווי טראָפּנס,
קולטור פון מאַירעוו-לאַנד, געווילד פון טאַמערלאַן. 3)

ס'איז שווערמוטיק געווען פון אָנהויב שוין דיין וועג :
אין קנעכטשאַפט דיך געשמידט האָט ריוריק און
אָליעג. 4)

---

1) קירע — דייטש.
2) פּיר רוסישע טייכן.
3) טאַמערלאַן — באַרימטער טאָטערישער קריגס-העלד.
4) ריוריק און אָליעג — די ערשטע צוויי רוסישע פירשטן, וואָס זיינען געקומען פון דעם סקאַנדינאַווישן שיווועט — די וואַריאַגן.

3.

אין קנעכטשאַפט דיך געשמידט האָט ריוריק און אָליעג,
געלערנט בוקן זיך צו צאַפּנדיקע זונען
און מאַקריוור־זיין צו זיי דעם בלי פון ערשטע רונען, 1)
די בעסטע פרוכט פון פעלד, די פעטסטע רינד און בעק.

און ווען וולאַדימיר 2) האָט מיט סטאַדעס און טאַבונען
געטריבן דיינע זין, ווי לעמער, פונעם ברעג
צו טווילע הייליקער,—האָסטו אין ווילדער שרעק
זיך אַלץ געמאַדליעט נאָך צו דאַזשבאָג און פערונען. 3)

און פאַפּעס גריכישע אין מענטעלעך לילאָווע
געפאַנגען האָבן דיך אין וויירעכדיקן פלען
און קנאָפּע טויזנט יאָר געהאַלטן דיך געקאָוועט
אין אויסגעכאָליעטע, אין בלוטנדיקע הענט.

און דו ?—אַ טרייסט געזוכט האָסטו אין מעד און בראַגע,
ווען ס'האָט דיין פריי געראָבט אַיעדער קאַט און יאַגאָ.4)

---

1) רונן — ערשטער אויפגאַנג פון טוואָוע.
2) וולאַדימיר — דער רוסישער פירשט, וואָס האָט געצוואונגען די רוסן אָנצונעמען קריסטנטום.
3) אַלטע רוסישע האַידן־געטער.
4) יאַגאָ — פאַררעטער.

4.

דיין פרייהייט האָט גערויבט אַיעדער קאַט און יאַגאַ,
נאָר ס׳האָט דיין פאָלק געגלויבט אין ליכטיקן באַשייד,
געכאָלעמט אין דער שטיל פון וואָלניצע 1) און פרייד,
פון איליאַ מוראָמעץ 2) און לעל 3), דעם באַל-מענאַגן.

אין פיין געבאָדן זיך, געטרונקען זיך אין נויט
און לאַנג געלערנט זיך צו שווייגן און נישט וואַגן,—
נאָר ברויזיק, ווי דיין מעד און טערפקע, ווי דיין ליאַגע,
האָסט קויכעס פויסטיקע געהיט אין אינגעווייד.

פון אייז-יאַם ביז קאַווקאַז, פון ריגע ביז כאַבאַראָווסק,
אַ ריזן-מאַטעריק אין גוואורעדיקן שפּאַן,
אַ דאַמבע ביזט געווען פאַר שרעקעוודיקן מאַירעוו
אַנטקעגן געלער האָרד פון ווילדן טשינגיסכאַן. 4)

און אַף דיין גוף געלאָזט אַ טאָטערישן פלעק
האָט ווילדער טשינגיסכאַן אין גיריקן געיעג.

---

1) וואָלניצע — פרייהייט.
2-3) העלדן פון דער רוסישער מיטאָלאָגיע.
4) טשינגיסכאַן — באַרימטער טאָטערישער קריגס-העלד.

.5

ס׳האָט ווילדער טשינגיסכאַן אין גיריקן געיעג
מיט האָרדעס טאָטערשע אַף קאַרק דיינעם געהוליעט
און אונטעריאָכט דיין פאָלק, פאַרוואַנדלט אים אין קולים
און צוויי מאָל הונדערט יאָר געפּלינדערט דיין פאַרמעג.

און דו, מיין מוטערלאַנד, ווי זאַנגען־שניט אין יולי,
געצויגן האָסט דיין האַלדז, געגרייט צו שאַרף פון העק,
און ס׳האָט דיין אָרעם פאָלק, ווי סטאַדעס פרומע בעק,
צום בלאָנדן יעזוס׳ן אין פאַכעד זיך געטוליעט.

און ווען ס׳האָט צאַרסקער קנוט געשמיסן דיינע זין
אַף הוילן, ווייסן לייב אַף אומקום און סאַקאָנעס,—
מיט פינגער בלוטיקע האָסטו זיך ביז באַגין
געציילעמט אין דער שטיל אין שאָטן פון איקאָנעס.

ס׳האָט נויט געלערנט דיך צו שווייגן און ניט וואַגן,
אַף האַלדז אַן אייזערנעם דיר אָנגעטאָן אַ קראַגן.

.6

אַף האָלדז אַן אייזערנעם דיר אָנגעטאָן אַ קראַגן
פון צאָרן גרויזאַמע געשיקטע האָבן הענט
און גוואורעדיקן גוף געקאָוועט צווישן ווענט
אין אַ געפּאַנצטערטן און קריגערישן לאַגער.

געקאַטעוועט דיין לייב, געמאָרדעט און געשענדט
האָט שאָמפּאָל צאַרישער און אָפיצערסקע שפּאַגע.
און דו, מיין מוטערלאַנד: אַף ליפּן שוים, ווי בראַגע,
אַ גיבער אַף אַ קייט געריסן זיך פון פּענט.

און ווען געקומען איז אין ברויזיקע עקסטאַזן
דער טאָג דער הייליקער פון רעכנשאַפט און שטראָף,—
האָט אויפגעהויבן דיך פון דאָן ביז וואָלגע—ראַזין, 1)
פון קנעכטשאַפט דיינע זין צעבויטעט פּוגאַטשאָוו. 2)

נאָר ס'האָבן דיך פאַרוויגט שאַמאַנען 3), פּאָפּעס, מאַגן
און צאָרן גרויזאַמע דיין בלוט געזופּט, ווי בראַגע.

1-2) סטענקאַ ראַזין און יעמעליאַן פּוגאַטשאָוו — רוסישע פאָלקס-העלדן.
3) שאַמאַנען — מאָנגאָלישע פּריסטער.

.7

אוּן צאַרן גרויזאַמע געזופּט דײַן בּלוּט, ווי בּראַגע,
דעם בּכיר פון דײַנע זין געקוילעט, ווי די שאָף.
פאַר בּונט און פאַר רעוואָלט באַצאָלט האָסטו אַ שטראָף
מיט שפּיצרוט און מיט שווערד, מיט שאָמפּאָל און
מיט שפּאַגע.

עס האָבּן פּאָפּעס דיר פאָראויסעזאָגט דײַן סאָף
און זנאַכערס קרעציקע און שוואַרצע באַבּע־יאַגעס: (1
— וועסט, רוסלאַנד, אונטערגיין, ווי סדאָם און ווי
קאַרטאַגע! — (2
און אײַנגעוויגט דײַן גייסט אין קלעפּעדיקן שלאָף.

און דו, מײַן מוטערלאַנד, מיט אויגן ווי פּיאַלקעס,
האָסט אונטער צאַרישן געפאַנצערטן אָפּצאַס
אָף רוקן שטאָלענעם מיט פרייד גענומען מאַלקעס,
נאָר האָסט פאַרטאַיעט טיף שלאַקרירידיקן האַס.

עס האָבּן צאַרן דיך, מאָנאַכן, פּרושים, שלעק
געהאַלטן טויזנט יאָר אין קנעכטשאַפט און אין שרעק.

---

1) באַבּע־יאַגעס — קישעפמאַכערינס.
2) קאַרטאַגע — אַלטע שטאָט אין אַפריקע, פאַרניכטעט פון די רוימער אין יאָר 146 פאַר קריסטוס'ן.

.8

געהאַלטן טויזנט יאָר אין קנעכטשאַפט און אין שרעק,
אין ווילדן צעפּאַלאַך פון שווערע גלאָקן־קלאַנגען.
ניט איינמאָל איז דיין פּאָלק אין בלוטיקן געראַנגל
אַרוים פון דאָרף און שטאָט מיט לאָפּעטעס און העק.

פון ריוריק ביז קאָלטשאַק, פון פּיאָטער ביזקל ווראַנגעל
האָט העפקערדיקע האַנט געשניטן קעפּ, ווי בעק, —
נאָר דו האָסט אָפּגעטאָן פון זיך די בייזע שלעק
און האָסט געשענקט דער וועלט אַ ליכטיקן יעוואַנגעל.

און דאָרט, וואו ס׳האָט געהערשט דער גרויזאַמער איוואַן
און פּאַרפּיומירטער זנוס פון צוויי יעקאַטערינעס,—
האָט לענין אויפגעשטעלט, מיין ליכטיק מוטערלאַנד,
טיף אין דיין אינגעווייד עלעקטרישע טורבינעס.

און דו האָסט אויפגעלעבט מיט באַרג און טאָל און יאַרן,
אָ, דו, מאַרטירער־לאַנד פון הייליקע און נאַרן.

.9

אָ, דו, מאַרטירער-לאַנד פון הייליקע און נאַרן,
פון טאָטער און באַשקיר, פון רום און סאַמאָיעד,—
אָף בלוט פון דיינע זין געוואָרן זיינען פעט
דעם צאַר׳ס אָפּריטשניקעס, 1) די פּריצים און באָיאַרן.2)

אָ, לאַנד, וואו ס׳האָט געהערשט דער שפּאָר און עפּאָלעט
און האָס שלאַקרירעיקער פון וואַנזיניקע צאַרן,
געדימעט האָט דיין פאָלק: ווער וועט באַצאָלן סכאַרן
פאַר הונגעריקער פּיין, פאַר בלוטיקן גערעט?

ס׳האָט האָס מיט ביטערניש אין הארצן זיך געקייפלט:
וואָס זאָמט זיך דער, וואָס דאַרף דערנענטערן דעם סאָף?
און ס׳האָט גענאָגט אין מאַרך אי האָפנונג אי פאַרצווייפל:
פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט האַנט, וואָס צאָלן דאַרף די שטראָף?

און ס׳האָבן דיינע זין געוואַרט, אין פרייד און בראָך,
ווי אָקסן איינגעשפּאַנט אין כאָמוט און אין יאָך.

1) אָפּריטשניקעס — צאַרישע באַדינער.
2) באָיאַרן — קנעכט-אייגנטימער.

.10

ווי אָקסן איינגעשפּאַנט אין כאָמוט און אין יאָך,
געגאַנגען זיינען שטיל די אייניקלעך פון סקיטן, 1)
אַף וואָלגע און אַף דאָן געטריבן שווערע פּליטן,
געגריזשעט טאָג-נאָך-טאָג אַ הונגעריקן קנאָך.

ס'האָט פּיאָטער דיינע זין געקאַטעוועט מיט ריטער,
געדונערט איבער דיר — אַ וויסטער וואָלקנבראָך.
און איבער טויזנט יאָר אין בלוטיקן צעפּאָך
דער פּאָרעץ און באָיאַר אַף קאַרק דיינעם געריטן.

און דו, מיין מוטערלאַנד, די שפּייזעריין פון לענדער,
פאַר פויער אייגענעם געהאַט האָסט ווייניק ברויט,
ווייל אָפּגעשונדן האָט דער שינדער און דער שענדער
פון אים—די לעצטע פעל, פון דיר—די לעצטע הויט.

געצאָרנט האָבן קנעכט מיט האַס צו ווילדע צאַרן
מיט קעפּ געהויבענע דורך טפיסעס און געפאַרן.

---

1) סקיטן — פּאַרציייטיקע סלאַוון.

.11

מיט קעפּ געהויבענע דורך טפיסעם און געפּאַרן
געגאַנגען קיין סיביר צעבונטעוועטע זין.
און ס׳האָבן אָפּגעהילכט פון מינסק ביז סאַכאַלין:
„מיר ברענגען טויט דער מאַכט פון צאַרן און
זשאַנדאַרן!"

און ווען געקומען איז דער רויטער יאָם־האַדין,—
פון קערקערם פּראָסטיקע, פון טפיסעדיקער נאַרע
געקומען זיינען צ׳ריק באַפרייטע קאָמונאַרן
צעצינדן איבער וועלט דיין ליכטיקן באַגין.

און אויסגעקאָוועט דיך אין נאָך־אָקטאָבער פלאַמען
האָט לענינ׳ס קלוגער מאַרך, האָט סטאַלינ׳ס האַנט
פון שטאָל,—
און אויפגעגאַן ביזטו, מיין ליכטיקע, מיין מאַמע,
מיט נייעם מענטשן־מין, מיט ניי־געבוירן פאָלק.

ס׳האָט לאַנג געדויערט דיר ביז בראַנדיקן צעפּאָך,
האָסט לאַנגזאַם זיך געגרייט צום רויטן צעפּאַלאָך.

12.

האָסט לאַנגזאַם זיך געגרייט צום רויטן צעפאַלאָך,
האָסט לאַנג, מיין מוטערלאַנד, דעם האַס אין זיך
פאַרטאַיעט,
און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אונטער הימלען-בלייען
דיין גוף, דיין מעכטיקער באַוואָקסן איז מיט מאָך.

נאָר ווען געקומען איז דער טאָג פון שטראָף און
פרייהייט,
צעטרייסלט דיינע ווענט האָט פרילינג-וואָלקנבראָך,
האָסטו אַ שפרונג-געטאָן אין גיריקן צעפאָך,
ווי אַ פאַרוואונדעטע און בלוטענדיקע כאַיע.

און דאָרט, וואו יאָרנלאַנג דיין אומעטיקער פויער
מיט קאָסע ראָסטיקער געקאָסיעט האָט דיין גראָז, —
טורבינעס רוישן היינט און ס'ליאַרעמען קאָנווייערס
און טראַקטאָרס יאָגן זיך אין בליאיקן קאָלכאָז.

פון קאַמע ביז'ן דאָן, פון ניעמאַן ביז בידזשאַן — 1)
איצט ביזטו פריי, מיין לאַנד, מיין ליכטיק מוטערלאַנד.

---

1) פיר רוסישע טייכן.

.13

איצט ביזטו פריי, מיין לאַנד, מיין ליכטיק מוטערלאַנד,
מיט פעלדער ווייצענע, מיט וועלדער קוטשעראַווע,
מיט שלאָגלער העלדישע, מיט קאָמסאָמאָלקעס בראַווע,
מיט מוסקלען שטאָלענע אין גוואורעדיקן שפּאַן.

ערשט צוואַנציק יאָר צוריק אין פּיין און קייטן־זשאַווער
אַ טפּיסע ביזט געווען פאַר יעדן פאָלק און קלאַן, —
היינט לויכט פ.ס.ס.ר. — אַ פריידיקער פאַרבאַנד
פון פעלקער פרידלעכע : מאָנגאָלן, אידן, סלאַוון.

ערשט צוואַנציק יאָר צוריק געאַקערט האָסט דיין טאָל
מיט סאָכע הילצערנער, מיט לאָפּעטע און ריסקל,—
היינט פליען דיינע זין, באַזיגער פון נאָרד־פּאָל,
פון מורמאַנסק ביז קיטאַי, פון מאָסקווע ביזקל פריסקאָ.

און איבער גאָר דער ערד עס וואַקסט דיין רום, מיין לאַנד,
און ס'שטרעקט צו דיר אַ וועלט איר בענטשנדיקע האַנט.

.14

און ס'שטרעקט צו דיר א וועלט איר בענטשנדיקע האנט,
די האַרעפּאַשנע וועלט פון אַרבעט־לעגיאָנען,
אַ וועלט, וואָס שטייט מיט דיר אין פעסטע באַטאַליאָנען
אַנטקעגן ברוינער שלאַנג, מיין ליכטיק מוטערלאַנד.

זאָל דראָען דיר מיט גוואַלט—פון מאָרגעדיקע סאָנים,
פון „פריינט" פון נעכטיקע פאַררעטערישער קלאַן,—
דו שטייסט אַנטקעגן זיי—אַ פעסטונג, ווי מאַנבלאַן, 1)
אַ טורעמזייל פון ליכט, מיט קלאָר און אָפן פּאָנעם.

ווייל דאָרט, וואו ס'האָט געהערשט באַצווינגער קאַט
און טאַליען
און ס'האָט געקרעכצט אַ פאָלק צעווישן טפיסע־ווענט,
איצט בוית אַ מוסטערלאַנד דער געניאַלער סטאַלין
פאַר דוירעס אייביקע — אַ ריזן־מאָנומענט.

ביזט שוין לעגענדע הייַנט,—אַן אָפּגעטרוימטע סאַגע, 2)
אַ, רוסלאַנד, טרויער־לאַנד פון לאַפּטשע און סערמיאַגע!

---

1) מאָנבלאַן — דער העכסטער שפּיצבאַרג אין אייראָפּע.
2) סאַגע — אַ מאַיסעלע.

.15

אָ, רוסלאַנד, טרויער־לאַנד פון לאַפּטשע און סערמיאַגע,
געריסן האָט דיין לייב דער ווילדער פּעטשעניעג,
אין קנעכטשאַפט דיך געשמידט האָט ריוריק און אָליעג,
דיין פרייהייט האָט גערויבט איעדער קאַט און יאַגאַ.

ס׳האָט ווילדער טשינגיסכאַן אין גיריקן געיעג
אַף האַלדז אַן אייזערנעם דיר אָנגעטאָן אַ קראַגן,
און צאַרן גרויזאַמע דיין בלוט געזופּט, ווי בראַגע,
געהאַלטן טויזנט יאָר אין קנעכטשאַפט און אין שרעק.

און דו—מאַרטירער־לאַנד פון הייליקע און נאַרן,
ווי אָקסן איינגעשפּאַנט אין כאָמוט און אין יאָך,
מיט קעפּ געהויבענע דורך טפיסעס און געפאַרן,
האָסט לאַנגזאַם זיך געגרייט צום רויטן צעפּאַלאָך.

איצט ביזטו פריי, מיין לאַנד, מיין ליכטיק מוטערלאַנד,
און ס׳שטרעקט צו דיר אַ וועלט איר בענטשנדיקע האַנט.

.1937

.II

באַלאַדעס

די באַלאַדע פון די ליכטיקע היטער

קאָמוניזם, — געזאָגט האָט לענין, —
איז ניט נאָר צעצינדן דעם פלאַם,
נישט בלויז יובל, בלויז פאָכן מיט פענער,
נאָר אויפקלערונג, אַרבעט און קאַמף.

נישט קיין בעט בלויז מיט דופטיקע רויזן.
עס וועט דאַרפן דער באָלשעוויק
אַפן בויך איבער זומפּן פויזען
צו דערגרייכן דעם לעצטן זיג.

:: :: ::

געבוירן אין רויש פון געוויטער,
אַ טרויב אַף אַ פוילענדן שטאַנג,
שטייט אַ דאָר, ווי די ליכטיקע היטער,
אַף דער גרענעץ פון איבערגאַנג.

אַפן שיידוועג פון גרויזאַמע צייטן
זיי שטייען ביזן האַלדז אין זומפּ
און צינדן צעפּלאַקערטע שייטערס
צו באַלויכטן דעם כוישעך אָרום.

ס'איז פריידן באַשערט זיי ווייניק . . .
איין גורל איז זיי בלויז באַשערט :
פון אָפּפאַל און קויט צו רייניקן
די גרויע, פאַרוואָרלאָזטע ערד.

זיי קלינגען דורך נאַכט און דורך שטורעם
אין זשאַווער־פאַרשטומטן גלאָק
און זאָגן דער וועלט אָן די בסורע,
אַז ס׳שפּראָצט שוין, עס העלט שוין אַף טאָג . . .

זיי פלאַסטערן זומפּיקע וועגן
מיט ביינער, מיט מאַרך און מיט בלוט
און זינגען דעם מאָרגן אַנטקעגן
אַ זיגרייכן, העלן: „סאַלוט!“ —

זיי ברענען די זומפּן מיט שייטערס
און שאַרן דעם זשאַר מיט די הענט
און ווערן אין שייטער געלייטערט
און ווערן אין לייטער פאַרברענט.

זיי ווייסן: ווען בלויער באַגינען
וועט צעצינדן זיין רויטן לאַמטער,
וועלן זייערע ביינער, ווי קינען,
נאָך טלי׳ען אַף צעשייטערטער ערד.

און ווען זון וועט צעשטראַלן איר ווייער
אַף פאַרלאָשענע כורוועס און טעל,
וועט קומען אַ ד אָ ר פון ב ו י ע ר,
די זין פון אַ נייער וועלט.

זיי וועלן באַגראָבן די קנאָכן
אין אַ קייווער פון שטאָל און גראַניט
און זינגען מיט פרייד און ניצאָכן
וועגן גרויזאַמע טעג אַ ליד.

און עס וועלן, ווי לידער, די שטיינער
זיך צעזינגען אין יונגע הענט —
אויף פאַרקוילטע, צעשייטערטע ביינער
וועט מען שטעלן דעם פונדאַמענט.

און לעבן וועט וועט לאַנג, ווי אַ וואונדער,
די לעגענדע פון גרויזאַמען דאָר,
וואָס אין זומפ האָט ער שייטערס געצונדן
אַלס אָנזאָג פון ליכטיקער וואָר.

און דורך אַלע צעבויטעטע דוירעס
נאָך פינצטערן גרויל פון קריג
וועלן מאַמעס דורך נאַכטיקע מוירעס
פאַרוויגן די קינדער אין וויג

און זיי זינגען מיט הערלעכן ציטער,
ווי אַ העלדיש, פאַרצייטיק געזאַנג:
„דאָס ליד פון די ליכטיקע היטער
אויף דער גרענעץ פון איבערגאַנג״.

.1937

די באַלאַדע פון בעני דעם פרעסער און פיט דעם שויבנוואַשער

מוישע נאַדיר׳ן

מיט לייטער און שמאַטע, מיט שטריק און מיט עמער—
פון פרי ביזקל דעמער, פון פרי ביזקל דעמער,
מיט מאַלפּישער פלינקייט פּיט אַלסען, דער שווייד,
וואַשט שטויביקע שויבן אַף „עמפּאַיער-סטעיט".

צו פענצטער-געזימסן פאַרהוקט און פאַראַנקערט —
וויגט זיך זיין יונג-לייב אַף זוניקע שטאַנגען.
אַ רייב מיט דער שמאַטע, אַ שמיר און אַ זונג —
און ס׳בליאַסקען די שויבן, ווי טוי אַף דער זון.

ביז איינמאָל אַ טאָג האָבן שטריק זיך צעגלידערט —
און פּיט איז געפלויגן אין שטאָליקן נידער.
אַ פאַל . . . און אַ פאַל . . . און אַ כאַפּ אָן קאַרניז . . .
ליגט פּיט אין שפּיטאָל מיט צעבראָכענע פיס.

:: :: ::

אַ פערטליאַרהונדערט האָט בעני דער פרעסער
געפּראַצעט, געוואַרט אַף אַ לעבן אַ בעסערס.
אַ פערטליאַרהונדערט אין באָסישן שאַפּ —
אַ לאַנגער, אַ בלוטיקער, שווערער עטאַפּ.

צוועלף שאָ אין מעסלעס—און דאַרף מען, איז העכער—
און ס׳האָט אים די פּראַצע די לונגען צעלעכערט.
און ס׳האָט אויסגעזויגן די ווייסע פלאַג
דעם מאַרך פון זיין רוקן, פון ביינער דעם סאָק.

איצט ליגט ער, אַ בלייכער, מיט אויגן, ווי פעסער,
אַ שאָטן, אַן אָפּדוכט פון בעני דעם פרעסער.
און ס׳אַקשנט זיך לעבן אַף בלאַסן געזיכט
און מיניעט און צאַנקט, ווי אַ ביילעוון ליכט.

:: :: ::

און צווישן זיי ביידן אין וואָרד אין פאַרשטיקטן,
צווישן קערפּערס צעשניטענע, אייוורים צעפליקטע,
צעווישן זיי ביידן — אַף האַרטן בעט
אין ווייטיק געקאָוועט דער קראַנקער פּאָעט.

און אָפּטמאָל באַנאַכט, ווען דער ווייטיק ווערט גרעסער,
שטרעקט ער די רעכטע צו בעני, דעם פרעסער,
שטרעקט ער די לינקע צו פּיט, דעם שווייד, —
און ס׳וויגט זיך זיין גוף, ווי אַ בריק, צווישן זיי.

אין ווייטיק ,אין פּיין און אין אומעט געכאַווערט,
ציילט מען די וואָכן אין וואָרדישן גאַווער,
מע שמועסט, מע קרעכצט און מע לייענט זאַלבעדריט:
די „פרייהייט״ לייענט בעני, דעם „דעילי״ לייענט פּיט.

:: :: ::

און איינמאָל פאַרטאָג, ווען דער בלוטיקער מוילעד
געשטאַרט האָט דורך שויב, ווי אַ קאַלב אַ געקוילעטס,
און היים האָט געפיבערט אין שלאָף דער שפּיטאָל,
האָט פּיט זיך צעשריען, צעקרייט אַף אַ קאָל:

—"When we'll have a Soviet in this very country,
By golly, I swear! I'll give all my bounty,
I'll wash all the windows and clean all the shades
Of Soviet America's Empire States!"—

אינדערפרי איז געלעגן מיט אויגן פֿאַרגלייזטע,
פֿון ווייטיק באַפֿרייט און פֿון פּיין אַ דערלייזטער,
מיט נאָז מיט פֿאַרשפּיצטער פּיט אָלסען, דער שווייד,
דער וואַשער פֿון שויבן אַף „עמפּאַיער־סטעיט".

:: :: ::

און שטיל ווי אַ טכויר האָט דעמזעלבן פֿרימאָרגן
דער טויט — דער מענואוול — דעם פֿרעסער דערוואָרגן.
אַף פֿאַריאָסעמטע טישלעך געבליבן נאָך זיי
פֿאַרגעלטע, צעקנייטשטע ציימונגען צוויי.

פֿאַרנאַכט זיינען בעטן אין גליאיקן קומער
מיט נייע קאָרבאָנעס געווען שוין פֿאַרנומען.
זיי זיינען געלעגן פֿאַרטאַיעט און מאַט.
און איינער האָט פּלוצים צעוויקלט אַ בלאַט.

מיט פֿריידיקע אויסיעס האָט „פֿרייהייט" געמאָלדן :
„טויזנטער שטימען פֿאַר אָלגין און גאָלד'ן" . . .
און „דעילי" געפֿלאַמט האָט מיט רויטן געשריי :
"We celebrate the 17th October today!" . . .

מאַונט־סאַינע האָספּיטאַל,
נאָוועמבער, 1934.

די באַלאַדע פון צעקרישלטן בוים

אַף די שפּיצן פון היגלען קודלאַטע,
אַפן רוקן פון מאָכיקן באַרג,
ווי אַ קינד, אַ פאַרשייטס באַם טאַטן
אַפן יונגן, באַוואָקסענעם קאַרק, —

שטייט פון אַלטע געקרייזלטע דוירעס
אַ פאַרדאַרטער, צעקרישלטער בוים —
און ער שטרעקט, ווי צעצווייגטע מענוירעס,
זיינע מאָגערע פינגער צום רוים.

ס׳איז זיין קאָרע צעקנייטשט און געקאָרטשעט,
פון יאָרן און ווינטן צעשטערט,
אָבער טיף זיינען קנופּיקע וואָרצלען
צעשפּרייט אין דער מאָכיקער ערד.

אין פרימאָרגנס אין יונגע און פרישע
הערן הימלען און בערג זיין קלאָג:
— „ס׳איז מיין האַרץ שוין צעשטויבט און צעקרישלט
און פאַרטריקנט מיין זאַפטיקער סאָק.

— „און שווער איז פון אייביקער גסיסע
דער טריפיקער, טערפקער סאַם . . .
וואָלט אַ דונער מיין קרוין כאַטש צעריסן,
וואָלט אַ בליץ כאַטש געטראָפן מיין שטאַם!“ . . .

אָבער הויך אין צערינצלטע הימלען,
אין דעם ברונעם פון בלוי און ראָז,
שפּילן ווינטן אַף גילדערנע צימבלען,
ווי שפּרינגער — אין טויאיקן גראָז.

צווישן הויכן און טיפענישן
רינט דאָס לעבן, ווי טראָפּנס, קאַרג —
און די יאָרן, ווי ציין, זיך קרישלען
אין צעפּוילטן מויל פון באַרג.

ביז איינמאָל האָט היים זיך אַ שטורעם
איבער היגלען און טאָלן צעקנאַלט,
האָט דער באַרג זיינע ברעמען פאַרכמורעט
און פאַרקרימט זיין סומנע געשטאַלט.

און אין רוים, ווי אַ קופּערנער שטייסל,
איז אַרוים אַ מאָכיקע זון, —
און אַ דולער און קראַכיקער טרייסל
האָט צעשפּאָלטן דעם באַרג ביזן גרונט.

ס'האָבן היגלען צעבראָכן די נאַקנס
אַף די שפּיצן פון בליציקן שטאָל, —
רינט דאָס בלוט איבער באַרגיקע באַקן
אין די שוימיקע רינוועס פון טאָל.

אָבער הויך, ווי אַף אייביקע דוירעס,
אין צעצווייגטן, צעטרייסלטן רוים, —
ווי אַ קנאָכיק-צעצווייגטע מענוירע,
שטייט דער דאַרער, צעקרישלטער בוים.

אַלץ האָט קנאַליקער דונער צעריסן,
אַלץ האָט שטורעם פאַרוויסט און צעשטערט,
בלויז דעם בוים איז אַן אייביקע גסיסע
צווישן הייכן און טיפן באַשערט.

.1929

דאָס זילבערנע רינגל

(באַלאַדע אין פאָלקס-טאָן)

ווען געשמעקט האָט די יוגנט מיט אינגבער,
מיט לאַנדיש און ליבע־ווײ,
האָט אַ מײדל געשענקט אים אַ רינגל
מיט שלאַנגישע קעפּ, מיט צוויי, —
האָט זײַן האַרץ, ווי אַן אָרעם אינגל
מיט זײַן זילבערנעם טרוים זיך געפרייט.

האָבן טעג זיך געשײַלט, ווי ליפּעס,
האָבן נעכט זיך געשוואַרצט, ווי טוש,
און זײַן האַרץ האָט זיך פלאַמיק געטריפעט,
ווי אַ שלאַנג — אין אַ פײַער־בוש, —
ווען געבערענט האָט, ווי פריסעק, אַף ליפּן
איר לעצטער, איר יודאַס־קוש.

זינט דאַן האָבן יאָרן ווי טאַנקען,
צעטראַמפּלט זײַן אָרעם געצעלט
און אים ליגן געלאָזט אַ קראַנקן,
אַ פאַרוואונדעטן זעלנער אין פעלד.
ס'האָט דאָס לעבן זײַן האַרץ נישט געפאַנקעוועט,
נישט געשוינט זײַן צעפײַניקטע זעל.

ס'האָט דאָס רינגל געהיט אים אין טפיסע,
אין מילכאָמע, אין פלען, אין טראַנשײ,

געפירט אים אַ שטומען צום שיסן
דורך קאַליוזשעס בלוט אַף שניי,
און געבריט אַף זיין ליפּ, ווי פּריסעק,
אַף שפּיטאָל־בעט אין גסיסע־ווייִ.

ווען געפּאַטשט האָט, ווי גיפטיקע צינגער,
אים דער גורל מיט גרויזאַמע קלעפּ, —
פלעגט ער כאַפּן איין קוק אַפן רינגל
מיט די צווייַ, מיט די שלאַנגנקעפּ —
און געווען איז דער אויפשטייג אים גרינגער
אַף די קרעציקע לעבנס־טרעפּ.

און מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער,
ווען אַוועק איז דער יוגנט־וואָן,
ווען מיט ליידן געווען איז געזעטיקט
דער אַלטער און גרויער מאָן, —
האָט ער אָפּגעשיקט איר — דער פאַררעטעריין —
דאָס רינגל — זיין טאַליסמאָן.

און צום סאָף, ווען איר שאָ וועט פאַרקלינגען,
ווי אַן עלנטער שטערן אין רוים, —
ווען דער טויט וועט איר זייכער פאַרשלינגען,
ווי אַ קערנדל זאַמד—די שוים, —
וועט בלייכן אַף איר טויטן פינגער
דאָס רינגל — זיין זילבערנער טרוים.

.1936

די באַלאַדע פון פּאָעט־וואַגאַבונד

אין אָנדענק פון
מ. ל. האַלפּערן.

.1

ווען עס שלאָפן פאַרטאַיעט און מאַט
גרויע הייזער אין ראָזע פאַרטאָגן,
שלייכט אַרוים מיט אַ פייף נ אַ ו ו ע נ אַ ד
אַפן קרייץ פון געפלאַסטערטע ראָגן.

און נאָך אים, ווי אַ היימלאָזער הונט
מיט אַ גרויער פאַטלאַטער קאָדע,
קריכט אַרוים דער פּ אָ ע ט־ו ו אַ ג אַ ב ו נ ד
זינגען דער וועלט אַן אָדע:

— „צו מיין לײדיקן מאָגן אַ לויב,
אַ געזאַנג צו דעם כריאַשטש פון די ציינער —
זאָלן פאַלן אַף הימלישער שויב
מיינע ווערטער — ווי קיזלשטיינער.

— „ס׳ליגט מיין האַרץ צווישן שטיינער פון שטאָט,
ווי אַ שינע — אין רעגן און זשאַווערט . . „ .
אויב פאַראַן איז אין הימל אַ גאָט, —
שיק אַראָפּ מיר אַ טעפּעלע קאַווע.

— „און ביזטו היינט אויפגעלייגט,
אַלמעכטיקער, הייליקער גענעץ,
איז שיק שוין אַראָפּ אין איינוועגס
אַ ברויטל, צי כאָטש אַ פּענעץ.

— „נישקאָשע, דו שפּייזט דאָך אַן אַף
און אַפילע אַ לויז אַ נישטיקע, —
איז שענק דיין געזאַלבטן שקלאַף
כאָטש אַ רייפּטעלע דאַרע קישקע.

— „נאָר פרעסטו דאָס אויף אַליין
און מיך לייגסטו אָפּ אַף מאָרגן, —
זאָל עס בלייבן, ווי אַ הונט — אַ ביין,
דיר שטעקן אין טרייפענעם גאָרגל!" —

.2

ס'איז שטיל. נישט פון הינט קיין געוואָי,
נישט פון נאַכטיקער שטאָט קיין צוקן.
בלויז דער מוילעד — אַ זילבערנע פלוי —
קריכט אַף הימלס געוועלבטן רוקן.

אַף געלן לעוואַניקן שרונט
צווישן מיסטן, ווי זומפּיקע טאָרפן,
ליגט און גענעצט פּ אָ ע ט־ו ו אַ ג אַ ב ו נ ד
מיט די פיס צו די שטערן פאַרוואָרפן:

— „ס'האָט דאָס לעבן מיט אינגלישע הענט
ווייסן צוויט פון מיין יוגנט געטרייסלט, —
ליגן טויט צווישן קרעציקע ווענט
מיינע יאָרן, ווי יונגע מייסים.

— „כ'האָב צעביטן דאָס גאָלד פון מיין טראָן
אַף בלענד-שפיל פון גלעזערנע קרעלן —
איצטער ציטערט דער שטרעק פון מיין דלאָן
אַ פאַרשעמטער אַף פרעמדע שוועלן.

— „ליגט און גויסעסט אַף שטיינערנעם ברוק
מיין האַרץ אַפן אומבויג פון ראָגן,
ווי אין לעצטן שלאַקרידיקן צוק —
אַ קינד אונטער ראָד פון וואָגן.

— „איז מיר ליבערשט מיט גויסעסן האַרץ
אַף אייביק אַזוי בלייבן ליגן
און מיט אויגן — פאַרגלייזט און שטאַר —
צווישן הימל און ערד זיך וויגן, —

— „איידער בעטן באַ אַ קאַמצן — אַ גאָט,
באַם אַלמעכטיקן, הייליקן ג ע נ ע ץ:
פאַר מיין זעל — אַ קעזאַיעסל גנאָד,
פאַר מיין גוף — אַ פאַרדאַרטן פענעץ!" —

.1932

דער לעצטער פון זיין דאָר

(באַלאַדע)

די שלאַכט האָט אָפּגערוישט. עס שטומען די קאַנאָנען.
פאַרוואונדעט שטאַרבט די זון אין ספּאַזמעדיקן צוק.
עס ליגן פּגאַרים שטיל, ווי אָפּגעהאַקטע קליאָנען.
אָף קוליעס קריכט די נאַכט, און כווישעך רוקט זיך,
רוקט...

אין ווייען ליגט די ערד, צעשונדן און צעלעכערט,
און לעקט דאָס בלוט פון זיך און וואָיעט, ווי אַ הונט.
און איבער יאָמערטאָל — פון שטערענדיקן בעכער
לעוואָנע טריפט מיט סאָם אָף פריסעקדיקער וואונד.

אַ גאַנצן לאַנגן טאָג אין שיקערדיקער שעפּע
געהוליעט האָט דער טויט אַ בלוטיקן מאַזשאָר —
און איצט, ווען ס'גענעצן די בערג אַרום פאַרשלעפּערט,
געבליבן איז ער דאָ — דער לעצטער פון זיין דאָר.

זיי שטיל, פאַרוואונדעט האַרץ, נישט פרעג, נישט זוך
קיין ענטפער,
אַרויסגעפאַלן איז פון שוואַכע הענט ס'געווער.
פאַרלוירן איז די שלאַכט. עס ליגן טויט די קעמפער.
און ס'יובלען שוין מיט פרייד די ראָב און מאַראָדער.

און די, וואָס זשיפּען נאָך, פון הייסער שלאַכט צעשונדן,
אין גסיסע קוקן־צו, ווי נ׳העפקערן ווילקיר
עס טראַמפּלט דער וואַנדאַל אַף פּריסעדיקע וואונדן
און זוכט אַ סואוועניר.

די נאַכט שפּאַצירט אין טראַכט פון בלוטענדיקער שעפע
און לעשט די פלאַמען אויס פון פלאַקערדיקן פאָרט.
די בלום פון פינצטערניש, דער צווייפל, ס׳מויל צעעפנט
און שלינגט די לעצטע טרייסט באַם ל ע צ ט ן
פון זיין ד אָ ר.

:: :: ::

פון אָפּגערוישטער שלאַכט, אַ שטומער און
פאַרשעמטער
געקומען איז ער צ׳ריק, אַנטוואָפנט און אַליין,
און צווישן פרעמדער פרייד ער שפּאַנט אַרום
אַ פרעמדער
מיט ביילנדיקער פויסט און שטשירענדיקע ציין.

פאַרראַטן האָבן פריינט, באַשפּיגן האָבן סאָנים.
און ד י, באַ וועמעס פיס געגליט האָט זיין עקסטאַז, —
מיט שמייכל העפקערן אַף וויאַנענדיקן פּאָנים
שפּאַצירט מיט פרעכן שפּאַן אַף אָוונטדיקער גאַס.

אין גסיסע פּרעכטיקער אַף בייטן שטאַרבן בלומען,
באַדעקט מיט האַרבסטיקן, מיט טויטנדיקן שטויב.
די בין פון האָפענונג האָט לאַנג שוין אָפּגעזשומעט
און ליגט פאַרשטאַרט און געל אַף טויענדיקער שויב.

נאָר אָפט, נאָך שווערן טאָג פון וואַנדער איבער סקווערן,
ווען ס'זינקט זיין מידער קאָפּ אין אָרעמס פון דער נאַכט,
ער טונקט זיין פּיסנע ברויט אין טערפּקען זאַלץ
פון טרערן
און כאַלעמט אַף דער וואָר פון קומענדיקער שלאַכט.

און דאַן דערהערט ער קלאָר דעם רוף פון טויטע
קעמפער,
און ס'וועקט אים זייער קאָל פון כאַלעמדיקער וואָר:
— „האָסטו שוין אויסגעשמידט די הייסע וואָפן?
— ענטפער!
אַף דיר, אַף דיר דער כויוו, דו — ל ע צ ט ע ר
פון דיין ד אָ ר!" —

די בין פון האָפענונג הויבט ווידער אָן צו זשומען
אַף שויב אַף האַרבסטיקער פון זיין פאַרלאָזטער נעסט...
דער טאָג פון רעכנשאַפט, ער גלויבט, וועט קומען...
קומען...
און פיינלעך־זיס וועט זיין דער גרויזאַמער פאַרמעסט.

.1930

די באַלאַדע פון דעם וואַנדערער

ה. לייוויק׳ן.

נישט באַם טויער פון רוים, נישט געשמידט אַף אַ קייט,
זיצט און וויינט דער דערלייזער, —
מיט אַ שטעקן אין האַנט, אין צעריסענעם קלייד
שפּאַנט ער אום איבער הייזער.

זיין פלייצע איז קרום און זיין הויקער איז שווער,
נאָר ער וויל נישט קיין גורל קיין אַנדערן, —
ווייל אַזוי איז פון דאָר ביזקל דאָר אים באַשערט
איבער נאַקעטער ערד צו וואַנדערן.

און דאָרט, וואו עס בלוטיקט אַ ליכטיקער קאָפּ,
פון ראַצכים צעשונדן,
און דאָרט, וואו אַ האַרץ גייט מיט ווייטיקן אָפּ —
קומט ער היילן די וואונדן.

און דאָרט, וואו אַף באַקן די פּראַצע און שוויים,
ווי בלוטיקע שנירלעך, שטראָמען, —
קומט דער וואַנדערער אָן און ברענגט זיי אַ טרייסט,
אַ וואָרט פון נעכאָמע:

— „נישט איך וועל באַזיגן די קלאָלע פון נויט,
נישט איך, נישט מיין זון, נישט מיין אייניקל.
מיין שליכעס איז בלויז: פון אָפּפאַל און קויט
די קרעציקע וועלט צו רייניקן.

— „איך בין בלויז דער העמשעך, דער גליאיקער רונג,
די מ י ט, ד י ה אַ פּ ס אַ ק ע —
מיין גורל איז בלויז צו צעבויטען די צונג
פון זשאַווער־פאַרשטומטע גלאָקן.

— „מיין גורל איז היטן דעם העלן קאַיאַר,
וואָס וועבט שוין זיין גאָלדענעם פאָדעם,
מיין גורל איז וועקן אַ דאָר נאָך אַ דאָר:
— וואַך־אויף און הער־אוים, בען־אָדעם!

— „געניג זיך דיר באָדן אין שוויים און אין ברוד,
געניג דיר צו פויזן —
אַ ביין פון דיין ביין און בלוט פון דיין בלוט
וועט זיין ד י י ן ד ע ר ל י י ז ע ר!

— „און ווען ער וועט קומען דער גויעל־האָדאָם
אין אָרעמע קליידער,
וועט הילכן זיין שפּאָן, אַ געהילטער אין פלאַם,
איבער שליאַכן און סיידער.

— „און קיינעם וועט שוינען זיין ליכטיקער שווערד:
נישט מענטש און נישט וואָרעם.
און וועט פעט די צעטראָמפּלטע ערד
פון בלוט און פון פגאָרים.

— „און מעכטיק וועט זיין זיין געפּאַנצערטער קלעם
און גליאיק זיין אָטעם,
און קלינגען וועט פאָרכטיק זיין גרויזאַמער שעם
צווישן מענטשישע שוואָטים.

— „און טראַמפּלען וועט וועלטן זיין קראַכיקער טראָט
אין אימפּעט אין בייזן —
און זיין וועט באַשערט אים אַנטפּלעקן דעם סאָד
און ברענגען דערלייזונג.

— „און שפּאַנען וועט ער מיט געפּאַנצערטע טריט
איבער כאָרעווע וועלטן,
און ברענגען וועט ער אייך אי בענטשונג אי פריד
פאַר אָרעמע צעלטן.

— „און שעכטן וועט ער מיט זיין ליכטיקן שווערד
דעם בלוטיקן טאַליען —
פון ברעג ביזקל ברעג וועט די פינצטערע ערד
מיט פרייד זיך צעכוואַליען.

— „און ס'וועט זיך צעבליען די כאָרעווע וועלט
מיט לידער און פאָנען —
און אויפגיין וועט העל איבער טיל, איבער טעל
אַ ליכטיקער אָנהויב!"

.1930

די באַלאַדע פון נעגער דזשים

א. אָלד־קענטאָקי

נעגער ד ז ש י ם איז נישט קיין ברוינער
און, כּאָלילע, נישט קיין מולאַט.
זיין היים — אַף די קאָרענע פלוינעז
פון קענטאָקי — דעם מיטל־שטאַט.

זיינע האָר זיינען ווילד און געקרייזלט
און גלאַנציק און פעכיק און שוואַרץ,
און הייסער פון גליאיקן אייזן
איז זיין רויט און צעוואונדיקט האַרץ.

יונגע טעג און אַ קנעכטיש לעבן.
ער געדענקט נישט אין וועלכן יאָר,
נאָר ער ווייס, אַז דער גוטער א י י ב י *)
האָט באַפרייט אים אין סיוויל־וואָר **).

זיין טרייהייט צו אים — ווי אַ סקאַלע —
איז פעלזיק געוועז און האַרט,
האָט אים א י י ב י אַ זילבערנעם דאָלער
געשענקט אַ מאַטאָנע דערפאַר.

איצטער ליגט ער געלעמט אַפן בעטל
אין פינצטערן פריזאָן־שפיטאָל
און ער כּאָלעמט פון וויטן שטעטל
אין גרינעם צעאַקערטן טאָל.

*) אייבי — לינקאָלן.
**) בירגער־קריג.

און אין מאַרך, אין צעהיצטן און העלן,
טויכן אויף פון פאַרגאַנגענער וואָר,
ווי הייסע, קאַלירטע קרעלן,
זיינע פאַרביקע אַכציק יאָר.

זעט ער פלויגען פון אַלד־קענטאַקי,
באַם ברייטן, געשלענגעלטן וועג,
הערט ער קלינגען די זונטיק־גלאָקן
נאָך זעקם האָרעפּאַשנע טעג.

זעט ער זיך צווישן גרינע סעדער,
באַהעלט פון זוניקן שטויב,
און טעדי'ן — זיין יונגן צעדער —
און פּעגי'ן — זיין שטילע טויב.

ב. ליטש־נאַכט

די יאָרן, ווי שלעפּ־שיף שווימען,
נאָר גרינג איז דעם נעגערס טראָט.
און גוט איז דעם גערטנער דזשים'ן
מיט זיין ווייב און זון און גאָט.

נאָר איינמאָל באַנאַכט דערהערט ער
ס'געשריי פון מאָב אָפן בארג . . .
שטייט ער אויף און גייט אָן ווערטער
מיט אייליקע טריט צום מאַרק.

ווען זיין האַרץ זאָל נאָר קענען רעדן,
וואָלט עס זיכער געזאָגט אַזוי:
— „זע, מען שלעפּט צו לינטשן דיין ט ע ד י ׳ן
פאַר שענדן אַ ווייסע פרוי!“ —

(די פרוי איז געווען אַ נאַפּקע,
און ט ע ד י איז יונג און בלינד,
און דאָס בלוט אין די אָדערן האָט געקאָכט,
ווי הייסע, צערייצטע הינט.)

קוקט ער איין זיך אין שיין, אין בלייכן,
און זעט: — אַ געטעסעטער סלופּ
און אַף אים — אין געדינצלטע הייכן
הענגט זיין ט ע ד י אין טליע־קנופּ.

און אַרום, אין געשטופּלטן דעמער, —
פאַרטאַיעט, פאַרכושט און שטאַר, —
שטייען ווייסע, ווי קאַשערע לעמער,
און בעטן צו גאָט, דעם האַר.

פאַלט ד ז ש י ם אַף זיין פּנים אַנידער
און פּ ע ג י — די ט ו י ב נאָך אים.
און עס בעט זיינע ווייסע ברידער
דער אָרעמער, שוואַרצער ד ז ש י ם:

— „אַט זעט: מיינע וואונדן שרייען . . .
מיינע וואונדן . . . פון סיוויל וואָר . . .
איך בעט אייך מיין ט ע ד י ׳ ן באַפרייען,
מיין איינציקן זון, מיין בכור!״ . . .

קוקן אַלע פאַרוווּרט אַף ד ז ש י מ ׳ ן,
זעען: ס׳לייב זיינס — אַ הוילע וואונד . . .
אָבער ס׳הענגט שוין אַף לעדערנעם רימען
ט ע ד י — זיין איינציקער זון.

נישט געהאָלפן האָבן אים, אַפּאָנים,
זיינע טפילעם און פּ ע ג י ׳ ס שפּרוך.
האָט ער א י י ב י ׳ ס געטרייע מאַטאָנע
געוואָרפן אין פייער מיט פלוך.

צו שיקן האָט גאָט נישט באַוויליקט
אין צווייגן פאַרפלאָנטערט אַ לאַם —
און ס׳ברענען — אַ ליכטיקער צווילינג —
דער דאָלער און ט ע ד י אין פלאַם.

ווען מ׳האָט דעם צעסמאַליעטן קאָרבן
געשלעפּט איבער מאַרק אין שטויב,
איז פון ווייטיק און צאַר געשטאָרבן
פּ ע ג י — זיין שטילע טויב.

און נאָך איידער דעם מוילעדס האָרן
איז אַף נאַכטיקן הימל אַרויס,
האָט ד ז ש י ם שוין געגראָבן צוויי קוואָרים
אין סאָד, באַם צעפּלינדערטן הויז.

און מיט סאַם אין די אויגן די ברוינע,
און מיט צאַר אין צעפּאַטלטער באָרד
פאַרלאָזט ער ק ע נ ט אָ ק י ע ר פלוינען
פאַר אַ לעבן פון רויב און מאָרד.

און היים האָט צעגליט זיך און אייביק
זיין סינע צו אַלץ, וואָס איז ווייס,
זיין האַס צו דעם אָפּנאַרער א י י ב י,
צום הייליקן ליגנער קר י י ס ט.*)

ג. ב י ג־ס י ט י

צוואַנציק יאָר איבער שטעט זיך געטרעפּעט
און געמאָרדעט, גערויבט אין געהיים,
און געהאָפּט זיך אַמאָל צו דערשלעפּן
צו זיין ווייטער ק ע נ ט אָ ק י ע ר היים.

און געוואַרט אַפּן טאָג, דעם געווינטשטן,
דורך די העפקערע צוואַנציק יאָר,
צו באַצאָלן די בלוטיקע לינטשער
פאַר טע ד י ׳ ן, זיין אָרימען בכאָר.

---

*) יעזוס קריסטוס.

און איינמאָל אין צייט פון אַקער
האָט ד ז ש י ם זיי אָפּגעטאָן:
איבער דעכער האָבן הויך זיך צעפלאַקערט
העלע צינגער פון רויטן האָן.

ס'האָבן אַלע געוואוסט אין שטעטל,
(אָבער וואָס איז געווען די נוץ!)
אַז ד ז ש י ם האָט געמאַכט זיי פּאַר בעטלער
און פאַרברענט זייער האָב־און־גוטס.

און מיט יאָרן, מיט יאָרן שפּעטער
איז דער אַלטער ס ל י מ י ו ו ע י ל
פון דער א י ס ט געקומען אין שטעטל
און מיט פרייד זיינע ברידער דערציילט:

— „אין ניו־יאָרק, אין דער ראַשיקער ס י ט י,
כ'האָב געזען דעם בראַוון ד ז ש י ם.
ער האָט דאָרטן זיין ד ו י ר ב י פאַרביטן
אַף אַ הוט מיט אַ ברייטן ב ר י ם.

— „ער כאַווערט זיך דאָרט מיט אַלעם:
מיט גענגסטערס און מיט פּאָליציי —
אין נאַכט־קלובן פון שווארצן ה א ר ל ע ם,
אין קאַפעען פון ווייסן ב ר אָ ד ו ו י י“. .. —

האָבן נעגערס די קעפּ געשאָקלט
צו די רייד פון אַלטן ס ל י ם —
און שטאָלץ איז געווען ק ע נ ט אָ ק י
מיט איר בראַוון, איר שוואַרצן ד ז ש י ם.

ד. א י ן ש פּ י ט אָ ל

ס'רינען יאָרן, ווי טראָפּנס, ווי קאַרגע,
פון צייט'ס צעלעכערט געפעס.
ס'האָט ד ז ש י ם געראָבעט און געהאָרעוועט
און נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ נעס.

איצטער ליגט ער געלעמט אויפן בעטל
אין פינצטערן פּריזאָן־שפּיטאָל,
און ער כאָלעמט פון וויטן שטעטל
צום לעצטן, צום ל ע צ ט ן מאָל.

זיינע אשיקע האָר זיך קרייזלען
אויפן קאָפּ ווי אַ קאָרן־סטויג,
און עס שטאַרן די געלע ווייסלען
אין דעם טרעריקן, בלינדן אויג.

און עס דוכט אים: אין אַלע ווינקלען
שטייען גרייט, שטייען שטום און גרייט,
ד ז ש י ז ו ס ק ר י י ס ט און א י י ב י ל י נ ק אָ ל ן
אים צו נעמען אין אָרעמס פון טויט.

און זיי קומען אַלץ נענטער צום נעגער
און זיי שטרעקן די הענט צו אים.
און עס וואַרפט זיך אַף זיין געלעגער
און עס ווערט זיך דער אַלטער ד ז ש י ם.

קוקט ער ל י נ ק אָ ל ן׳ גלייך אין פּאָנים
און שטשירעט די ווייסע ציין.
ווען ער האָט איצטער יענעמס מאַטאָנע,
וואַרפט ער אים, ווי אַ הונט — אַ ביין.

אָבער גאָט האָט אים דאַן נישט באַוויליקט
דורך אַ נעם צו שיקן אַ לאַם —
און ס׳האָבן געברענט, ווי אַ צווילינג,
דער ד אַ ל ע ר און ט ע ד י אין פלאַם.

פאַרשטשעמעט ער בייז די ליפּן
און טוט זיך פון בעטל אַ הויב:
זעט ער ט ע ד י ׳ן מיט בראַנדיקע ריפּן
און פּ ע ג י — זיין שטילע טויב.

און די קאָשערע ו ו י י ס ע ברידער
בעטן צו גאָט, דעם האַר.
פאַלט ער צוריק אַ מידער
מיט אויגן פאַרגלייזט און שטאַר.

שמעלצן טעג זיך, ווי אייזיקע טראָפּנס
פֿאַר דער זון, וואָס איז הײס און העל.
שטייען ד ז ש י ז ו ס און א י י ב צוקאָפּנס
און מאָנען זײַן זינדיקע זעל.

שטייען וואַך און היטן דעם קאָרבן,
און יעדער די זינד זיינע מעסט.
ס'וואָלט ד ז ש י ם שוין פֿון לאַנג געשטאָרבן,
איז וואַרט ער נאָך אַלץ אַף אַ נעס.

און פּלוצים, ווי פֿון ק אַ ף ־ ה אַ ק אַ ל ע ,
אַ צייכן ער זעט אין דער נאַכט:
די לעוואָנע — אַ זילבערנער דאַלער —
שטייט פֿון יענער זייט פֿענצטער און לאַכט.

שטרעקט ער אויס פֿון אונטערן ליילעך
אַ מאָגערע האַנט — צום ליכט,
רייסט פֿון הימל דעם זילבערנעם קײַלעך
און וואַרפֿט אים אין א י י ב י 'ס געזיכט.

ווערט פֿינצטער אין אַלע ווינקלען
און שטום ליגט ד ז ש י ם און מיד . . .
און ד ז ש י ז ו ס מיט א י י ב י ל י נ ק אָ ל ן
פֿאַרגייען מיט ברוגזע טריט.

.1928

דער פינצטערער שאַליאַך

(באַלאַדע)

.1

שאַליאַך פינצטערער אין ספּערעדיקן וואַגל,
עס האָט זיין רויבער־קלאַס געשיקט אים אין דער הויך:
אישואווים פרידלעכע אוועקלאָזן מיט רויך
און בליענדיקע שטעט מיט פייערקויל באַהאָגלען.

דורך נאַכט און פינצטערניש זיין פליענדיקער טויך:
ס׳מוז אומקומען די וועלט נאָך איידער ס׳הויבט־אָן
טאָגן.
און אונטן ליגט די ערד — אַ לעבערדיקער לאָגל —
מיט אויפגעריסענעם, מיט בלוטנדיקן בויך.

עס פייפט, עס רוישט די לופט, עס הודיעט דער
פּראָפּעלער,
און זיכער אָטעמען די לונגען פון מאָטאָר,
און אונטן זידט די ערד — אַ שוימענדיקער טעלער —
און ס׳פאַלן, זינקען שטעט, ווי שטעקעלעך פון ראָר.

ער זיצט באַם רודער פעסט, דעם צופאַל אָנפאַרטרויט,
זיין יעדער פליגלפלי פאַרוויסטונג איז און טויט.

.2

זיין יעדער פליגלפלי פאַרוויסטונג איז און טויט,
זיין יעדער רודער־קער איז אומקום און פאַרצערונג.
ער האָט באַזיגט די לופט, די הויכן און די ספערן,
און האָגלט איבער קעפּ מיט בלייענדיקן שרויט.

עס האָט זיין רויבער־קלאַס מיט דראָטענע באַריערן
זיך אָפּגעצוימט פון מענטש, וואָס מאָנט אַ לאַבן ברויט,
און אים די בלוטיקע שעליכעס אָנפאַרטרויט.
ער טראָגט אין זיך אַליין די אייגענע צעשטערונג.

ר'האָט אויסגעוואָרצלט זיך פון בליענדיקן באָדן,
מיט גאַנצן לייב־און־לעב פון מאַמע־מאַטעריק,
צי ווייסט ער, פינצטערער: פון ווייסטע נאַוועגאַדן
וועט ער זיך צו דער ערד נישט אומקערן צוריק?

צי ווייסט ער זיין שיקזאַל, פילאַט, וואָס לאַכט פון טויט,
וואָס זיצט באַם רודער פעסט, דעם צופאַל אָנפאַרטרויט?

.3

ער זיצט באַם רודער פעסט, דעם צופאַל אָנפאַרטרויט,
און ווינטן שויבערן די האָר זיינע, די העלע —
און אונטן ליגט די ערד—אַ אויפגעשוימטער טעלער—
אין בלוט פאַרגליווערטן, אין מייקעכץ און אין קויט.

עס פייפט, עס רוישט די לופט, עס הודיעט דער פּראָפּעלער,
ער שניידט זיין שטורעמוועג דורך שוואַרצן וואָלקנפלויט.
און ברענט נאָך ערגעץ-וואו אַ צאַנקענדיקער קנויט,
פאַרלעשט ער אים אַף שנעל אין כווישעכדיקן קעלער.

וואָס טרייבט אַ מענטש פון טאָל אין שווינדלדיקע הויכן
מיט האַרץ מיט שטאָלענעם אין ברויזנדיקער ברוסט
צו זען די וועלט פאַרגיין אין פלאַמען און אין רויכן,
אין פרייד אין קרענקלעכער, אין בלוטיקן געגום?

ער שוויגט פאַכדאָנעסדיק, צום רודער צוגענאָגלט,
און לעכערט דורך די ערד, ווי אַ פאַרדאַרטן לאָגל.

.4

ער לעכערט דורך די ערד, ווי אַ פֿאַרדאַרטן לאָגל,
און קילט זיין כאַיעש האַרץ אין מאַבול־גום פֿון בלוט.
עס האָט באַ אים זיין קלאַם געריבט דעם פֿאַראַשוט,
ער זאָל פֿאַרבלייבן דאָ אין ספּערעדיקן וואָגל.

אָ, שוואַרצער פֿליער־העלד, אָ, בלוטיקער בערקוט,*)
ווער האָט באַפֿוילן אים דורך פֿייערדיקע פֿלאָגן
פֿאַרטיליקן די וועלט נאָך איידער ס'הויבט אָן טאָגן
אין פּאַכעד גרויליקן, אין שרעקעוודיקן מוט?

אָ, טאַליען בלוטיקער, אָ, קרעציקער מאָשיאַך,
ווער האָט זיין טעמפּן מאַרך צעבליצט אין מעשוגאַם
און האָט אים אויסדערווײלט אַ פֿינצטערן שאָליאַך,
די מענטשהייט אויפצערייסן, ווי אַ פּולווער־פּאַם?

עס האָט דער רויבער־קלאַם מיט לוסט־געגום געטויט
דעם מענטשן־פּונק אין אים — דעם צאַנקנדיקן קנויט.

---

*) בערקוט — אַ רויב־פֿויגל.

.5

ס׳האָט מענטשן-פונק אין אים — אַ צאַנקנדיקער קנויט,
ווי זשאַר-קויל אונטער אַש, ווי יאָרצייט-ליכט געטליעט,
און ס׳האָט זיין מענטשלעך האַרץ, געקרייצט אַף ראַכמים-טליעס,
געוואָיעט ווי אַ צויג, געריסן זיך פון קייט.

נאָר ס׳האָט זיין קלאַס אין אים ראַכמאָנעס אויסגעריעט,
ווי ס׳ריעט נאָכן שלאָף דער כאַזער אוים זיין פלויט,
און האָט באַפוילן אים — דעם אָנזאָגער פון טויט:
— פאַרברען דיין מענטשלעך האַרץ, פאַרקויל עס און צעגלי עס!

האָט ער אַ טראַכט געטאָן פון שוועסטער און פון מאַמען,
ווען זיינע נאָזלעכער דערגרייכט האָט טויט-גערוך
פון קערפּערס סמאַליקע, ווען אים געשיקט דורך פלאַמען
האָט גויסעסדיקע וועלט איר כאַרכלדיקן פלוך?

ניין! ס׳אויסגעוואָרצלט האַרץ אין ספּערעדיקן וואָגל
פאַרלאָשן האָט זיין קלאַס מיט שלאַנגענגיפט פון נאָגל.

.6

פאַרלאַשן האָט זיין קלאַם מיט שלאַנגענגיפט פון נאַגל
נישט איין שוין פעלקערשאַפט, דערשטיקט זי
אינדערשטיל,
פון יאַם פאַרפרוירענעם ביז ברענגפאַם פון ניל
צעבויטעט זייער צונג אין הונדערט דאַר־האַפלאָגעם.

מיט ביקס און האַוויצער, מיט גיפט און מיט באַציל,
מיט גאַזן טויטלעכע,—מיט אויסגעפּרואווטע פּלאָגן,—
מיט שנעלע קרייצשיפן, מיט שטאָל־און־פאַנצער־וואָגנס
באַוואָפנט איז זיין קלאַם פאַר טויטנדיקער שפּיל.

מיט ליבע קריסטלעכער,—מיט לאַקריצדיקן גאַווער,
מיט געטלעכן געפּעכט: יעהאָוואַ ווערזום ספּאַם ! *)
אַ טאַטן אַף אַ זון, אַ כאַווער אַף אַ כאַווער
האָט אויפגערייצט, ווי וועלף, זיין רויבערישער קלאַם.

און גרויליק הערשט די נאַכט. נאַר ס'הויבט באַלד אָן
צו טאָגן —
און צאָלן וועט ער אונז פאַר אַלע בייזע פּלאָגן.

*) דער אידישער גאָט קעגן קריסטלעכן גאָט.

.7

און צאַלן וועט ער אונז פאַר אַלע בייזע פּלאָגן,
דער ווילדער וועלט-טאַליען, דער רויבערישער האַר,
דער וואָס האָט אים געשיקט אַף אומקום און געפאַר
צעלעכערן די ערד, ווי אַ פאַרדאַרטן לאָגל.

נאָר ער האָט אים באַטריגט און זיך אַליין גענאַרט:
אַף אַלע קריגשיפן, אַף אַלע פּאַנצער-וואָגנס
וועט גרייכן אויך זיין קאָפּ זיין פייערדיקער האָגל—
און ער וועט אומקומען אין בלוטיקן ווירוואַר.

און ד ע ר, וואָס האָט פאַרזייט די טויטנדיקע זוימען
און אָנגעפילט די וועלט מיט שוידער און מיט מאָרד,
אין שווינדלדיקער הויך, צעווישן ערד און רוימען,
וועט בלייבן שטיין זיין האַרץ אַזוי ווי זיין מאָטאָר.

און צאָלן וועלן זיי מיט אומקום און מיט טויט
אין טאָג פון רעכנשאַפט, אין טאָג פון העלן רויט.

.8

אין טאָג פון רעכנשאַפט, אין טאָג פון העלן רויט
וועט זייער רויבער־קלאַס מיט אומקום און מאַפּאָלע
מיט הונדערט זייערע, מיט טויזנט טויטן צאָלן
פאַר יעדן אונזערן, פאַר צוגעאיילטן טויט.

מיר וועלן אָפּוועגן אַף יוישערדיקע שאָלן
די מאַיסים זייערע ביז לעצטן, מינדסטן לויט:
פאַר יעדן בים פון קויל, פאַר יעדן קריץ פון הויט
מיר וועלן צענפאַך זיי און הונדערטפאַך באַצאָלן.

עס האָט פון אייביק אָן גערעכטיקייט און יוישער
פאַרשריבן אַף זיין פאָן דער ברודער פון מיין קלאַס,
איצט טראָגט ער אין די הענט פאַר הערשער און פאַר אוישער
אַ ברענענדיקן שפּאָן פאַר זייער פולווער־פאַס.

און הערצער פלאַטערן, און רייען וואַקסן... וואַקסן...
און ס׳קראַכט די אַלטע וועלט אַף אַלע אירע אַקסן.

.9

עס קראַכט די אַלטע וועלט אַף אַלע אירע אַקסן,
און שיפּע קייקלען זיך די רעדער פון דער ערד,
און איבער לענג און ברייט האָט אויסגעגאָסן ווער
אַ שוואַרצן מאַבול־גום פון שוועבלדיקע שלאַקסן.

ווי צעפּאַלאַשעטע, צעווילדעוועטע פערד
האָט לעצטער קריג פאַרוויסט די ווייצן און די פלאַקסן.
עס ליגן ערד־שליאַכן מיט ווילדגראָזן באַוואַקסן
און ווערים ווידמען זיך אַף גאַסן און אַף סקווער.

דער קריג האָט אָפּגעשאַלט צווישן גאָג אומאָגעג,*)
און ס'רוען שלאַכט־פעלדער אין בלויע קנוילן רויך.
עס ליגט די מאַמע־ערד — אַ לעכערדיקער לאָגל —
מיט אויפגעריסענעם, מיט בלוטנדיקן בויך.

און מאָגעג ליגט באַזיגט און טויט פון זיג איז גאָג.
אַף כורוועס בושעוועט צעווילדעוועטע פלאָג.

---

*) גאָג־אומאָגעג — לעגענדאַרישע פעלקער.

.10

אַף כורוועס בושעוועט צעווילדעוועטע פלאַג.
און צווישן ברוכשטיקער פון גלידער און קאַנאַנען
ליגט ווילד צעפּאַסעוועט דער ערד'ס צעגראָבן פּאַנים
פון קוילן ,ווי פון קרעץ, צעמאָזלט און צעפּאָקט.

נאָך ווייען אין דער הויך צעפליקטע שטיקער פאַנען,
נאָך קלינגט אַף שטורעמשפּיץ לעוואַיעדיק אַ גלאָק,
נאָר ס'קריכט פון מידבאַר שוין אין גיריקן געלאָק
דער עקדיש און די שלאַנג און טשאַטעס סקאָרפּיאָנען.

עס ליגט די אַלטע וועלט — אַ גאַוועדיקער פיגער
אין טיל־פאַרוויסטעניש, אין גליווערדיקן טעל,
און ווי אַ ליידיקער, אָנווייזערדיקער זייגער
שטייט שטיל דאָס טויטע האַרץ פון כאָרעוודיקער וועלט.

פאַרהאַלעט ליגט די ערד מיט פאָנים בלייך און וואַקסן...
נאָר ס'העלט באַם מיזרעך־ראַנד דורך שוועבלדיקע
שלאַקסן.

.11

און העל באַם מיזרעך-ראַנד דורך שוועבלדיקע שלאַקסן
האָט דורכגעריסן זיך אַ פּאַסיקל באַגין,
און ס'שפּרייט זיך איבער רוים דער פלאַמיקער קאַרמין
און צינדט די וואָלקנס רויט, ווי פייערדיקע לאַקסן.

ס'האָט קאַלטע מאַמע-ערד, באַרירט פון מיזרעך-ווינט,
אין גליווערדיקן שלאָף אַ צוק געטאָן מיט קאַלט: —
און ס'דרייען ווידער זיך באַ פּאָליוסן די אַקסן,
און ס'גייט דער מוילעד אויף — אַ פייערדיקער פלינט.

און דאָרט, וואו ס'האָט געהערשט דאָס מאָרד-געזעץ
פון דזשאָנגל:
— פאַרטיליק און פאַרלענד, צעשמעטער און
צעשטער! —
האָט העל צעקלונגען זיך אין פרילינגדיקע גאָנגען
אַ יונגינקער קאַיאָר אַף אויפגעוואַכטער ערד.

שאָליאַך פינצטערער, האַלט איין דעם ווילד-געיאָג:
דורך שויבן כמאַריקע שאַריעט שוין אַף טאָג.

דורך שויבן כמאַריקע שאַריעט שוין אַף טאָג:
באַלד וועט אַ זיי טאָן זון מיט זונענדיקע זאָמען,
און אויסקערן וועט זי מיט שטראַלעדיקע שטראָמען
פון כאַרעווודיקער וועלט די קרעצעדיקע פלאָג.

און אויפשטיין וועט מיין קלאַס מיט הויבערס און מיט לאַמען,
מיט האַמער און מיט האַק, מיט דריל און לעקטראָ־טאָק,
מיט טראַקטאָר און מאָטאָר, מיט אויטאָ און מיט טראַק
אַפּסניי צעאַקערן די ערד אין לעבנ׳ס נאָמען.

פאַרשטומען וועט דאָס קאָל פון קאַרקנדיקע קאַניעס *)
און הונגעריקער רוף פון וועלפישן געוואַי
און ס׳וועט צעקלינגען זיך אַף הויכע רעשטאָוואַניעס
דאָס פריידיקע געזאַנג פון נייעם וועלט־געבוי.

שאָליאַך פינצטערער, אומזיסט איז זיין פאַרשווער.
מע טשאַטעוועט אים נאָך זיין יעדן ווענד־און־קער.

---

*) קאַניעס — ראָבן.

.13

עס טשאַטעוועט אים נאָך זיין יעדן ווענד־און־קער
דאָס וואַך־אויג פון מיין קלאַס, ווי ס'ליכט אַף שפּיל פון מאַסטן.
אומזיסט זיין אויסלאָדן פון בלייאיקע באַלאַסטן,
ווייל אומקומען וועט ער אין בלוטיקן פאַרשווער.

געשוואוירן האָט מיין קלאַס: נישט רוען און נישט ראַסטן
ביז ער וועט אויסראָטן מיט פלאַמענדיקער שווערט,
ביז ער וועט אָפּווישן פון כאָרעוודיקער ערד
דעם לעצטן איבערבלייב פון הערשער פון פאַרהאַסטן.

געשוואוירן האָט מיין קלאַס — און ער וועט האַלטן וואָרט!
צעבלאָזן וועלן מיר די פייערדיקע פונקען.
און זע: אין פייער־יאַם, אין אייגן בלוט דערטרונקען,
קומט אום, אַ, פינצטערער, דיין קיניגרייך פון מאָרד!

עס היט זיין יעדן ריר מיט אָנגעשפּיצט געווער
דאָס וואַך־אויג פון מיין קלאַס — דער יוירעש פון דער ערד.

.14

דאָס וואַך־אויג פון מיין קלאַס — דער יוירעש פון
דער ערד
וועט אויפבויען אַפסניי די כאָרעווע יערושע :
פאַר יעדן קערן ווייץ — אַ כוואַליעדיקן בושל
פאַר מי פאַר ערלעכער די נייע ערד געבערט.

דער סוינע איז געווען דערצאָרנט און צעיושעט,
האָט ער מיין קלאַס געשטיקט מיט הונגער און געווער.
איצט הענגט זיין טויטער קאָפּ אַף יעטווידן לאַמטער,
און ס׳פוילט אין רינשטאָקן זיין איפּעשדיקע טושע.

און פון פראַנציסקאָ־בעי ביז ברעגן פון יאַפּאָניע,
אַף לענג און ברייט און קווער פון מוטער־מאַטעריק,
אַ ברויזנדיקער וואַלד פון פלאַטערדיקע פאָנען
פון דער אַלוועלטלעכער
סאָוועטן־רעפּובליק.

און ער—שוועבט טויטערהייט, צום רודער צוגענאָגלט,
שאַליאַך פינצטערער אין ספּערעדיקן וואָגל !

.15

שאַליאַך פינצטערער אין ספּערעדיקן וואָגל,
זיין יעדער פליגל-פּלי פאַרוויסטונג איז און טויט.
ער זיצט באַם רודער פעסט, דעם צופאַל אָנפאַרטרויט,
און לעכערט דורך די ערד, ווי אַ פאַרדאַרטן לאָגל.

דעם מענטשן-פונק אין אים — אַ צאַנקנדיקן קנויט —
פאַרלאָשן האָט זיין קלאַס מיט שלאַנגענגיפט פון נאָגל,
נאָר צאָלן וועט ער אונז פאַר אַלע בייזע פּלאָגן
אין טאָג פון רעכנשאַפט, אין טאָג פון העלן רויט.

עס קראַכט די אַלטע וועלט אַף אַלע אירע אַקסן,
אַף כורוועס בושעוועט צעווילדעוועטע פּלאָג,
נאָר העל באַם מיזרעך-ראַנד דורך שוועבלדיקע שלאַקסן
דורך שויבן כמאַריקע שאַריעט שוין אַף טאָג.

און ס׳טשאַטעוועט אים נאָך זיין יעדן ווענד-און-קער
דאָס וואַך-אויג פון מיין קלאַס — דער יוירעש פון
דער ערד.

.1934

די באַלאַדע פון ליכט און ברויט

מיין זון גערי'ן
אַ מאַטאָנע.

1. אַ ב ו כ אַ נ י ס   פּ אַ ל אַ ץ

אין אַ לאַנד, אַ לאַנד אַ ווייטן,
נישט מיט פערד אַהין דעררייטן,

נישט דערפאָרן, נישט דערגיין,
אַף אַ גרויען פעלזנשטיין

שטייט אַ פּאַלאַץ — דין און הויך —
מיטן שפּיץ אין וואָלקנרויך.

איבער בערג און איבער טאָלן
גרינע טויכן זיך קופּאָלן,

זיילן ווייס, ווי מירמלשוים,
שפּאַרן זיך אין בלויען רוים.

אין דעם פּאַלאַץ — טויזנט שפּאַן —
וואוינט דער קיניג אַ ב ו כ אַ ן.

הונדערט קאַמערן און זאַלן,
װענט געװעלבט, װי קאַטעדראַלן,

און באַ יעדער טיר פון זאַל
שטײט אַ בײזער גענעראַל.

שטײט דער פּאַלאַץ טױזנט יאָר,
װי אַ כאָלעם אַפן װאָר.

איבער העלע קאָרידאָרן
קלינגען, זינגען זילבער־שפּאָרן,

און אַ מאַכנע נאָבללײט, —
פּרעך, צעלאָזן און פאַרשײט, —

גליטשט זיך, װיגט זיך אין קאַדריל
איבער אָנגעװאַקסטן דיל.

אין דער סאַליע,*) אין דער שענסטער
מיט צען הויך־געװעלבטע פענצטער,

אַפן סאַמע אויבנאָן
שטײט דעם קיניג אַ ב ו ׳ ס טראָן:

צװײ פון גינגאָלד לײבנקעפּ
אַף געשטעל פון זילבערטרעפּ.

---

*) סאַליע — זאַל.

אויבן הויערט פ י פ ע ר נ אָ ט ע ר,
אונטן לויערט ש ו ו אַ ר צ ע ר ק אָ ט ע ר,*)

גרינער ש פ י פ ו ן, ו ו י ז ל ט י ר*) —
דער מעלוכע׳ס שאָמרים פיר.

אַלץ געשניצט און אויסגעשטאָלצט
פונעם פיינסטן עבען־האָלץ.

ס׳האָבן טויזנט קנעכט און שקלאַפן
שווער געפּראַצעוועט צו שאַפן

דורך די טעג און דורך די נאַכט, —
ביז צו קראַנקער, געלער זעכט, —

נישט געקאַרגט קיין מי, קיין לוין —
זיבן וואונדער פאַר זיין קרוין.

איבער שלעסער, ווי די בעכער,
איבער גיטער און געמעכער,

איבער דאָרף און איבער שטאָט —
מיט גאָט׳ס כעסעד, מיט זיין גנאָד —

אָף זיין טראָן מיט פעסטער האַנט
הערשט דער קיניג אַ ב ו כ אַ ן.

---

*) לעגענדאַרישע כאַיעס.

2. אַ גאַניידן אַף דער ערד

פון גאַנצפרי ביז שפּעטסטן טונקל
איז דער פּאַלאַץ איינגעטונקען

איבער לענג און איבער ברייט
אין געפּליעסק פון וואַסער־פליט.

שטראָמט און פליסט נאַכט־אוים נאַכט־איין
רעגנבויגנדיקער שיין.

און אין גרינעם האַלבן קיילעך
ווייט אַף מיילן — אַ מעהיילעך —

ציט זיך, שלענגלט זיך אַ סאָד,
ווי אַ קישעפדיקער סאָד,

מיט אַ קלעטער, מיט אַ בויג —
נישט דערכאַפּן מיטן אויג.

און אין גאָרטן אַזאַ שעפע,
אַזאַ פליסנדיקער שלעפער:

פלאַטער־פלי און פליטער־פלי
פון גאַנצפרי און ביז גאַנצפרי,

בינען־זשום און פייגל־פייף —
אַלץ איז צייטיק, אַלץ איז רייף.

שטייען צווייגן אָנגעלאָדן
פול מיט פּיירעס, זים ווי פלאָדן:

רויטע עפּל, רונד און גרויס,
יעדער עפּל, ווי אַ פּויסט.

געלע באַרנעס, צייטיק שוין —
ריים און עס זיי פון דער קרוין.

ווײַנשל, קאַרשן און מאַרעלן,
ווי די פייערדיקע קרעלן,

שוואָמען, קריימיכער, טומין,
טרויבן — לויטערער בורשטין.

גרינע גראָזן — הויך און פעט —
פלוימען, אַגרעסן — צוזעט.

און אַף ברייטע לאָנקעס גרינע
איבער אַ ב ו כ אַ נ ׳ ס מעדינע

פּאַשען זיך פון פרי ביז פרי
פעטע רינדער, שאָף און פי,

רונדע קי און שלאַנקע פערד —
אַ ג אַ נ י י ד ן אַף דער ערד.

:: :: ::

ס'האָט דער קיניג טרייע דינער
אין די שטעט פון זיין מעדינע.

און אין יעדער גאַס און הויז
רייסט מען צינדז פון קליין און גרויס.

גרויל און שרעק איז זיין באַפעל
פאַרן פ ו י ע ר און ג ע ז ע ל.

ברויזט אין פּאַלאַצ'ס טיפע קעלטערס
מעד און וויין פון אַלע עלטערס.

פוילט אין שייערן דאָס ברויט,
צינדז פון פראַצע און פון נויט,

רויב פון פויערישער זעט —
אַלץ פאַר בייזן מאַיעסטעט.

וואַקסט דער שלאָס — אַ פולער בעכער —
וואַקסן גיטער און געמעכער,

וואַקסט דעם קיניג'ס שטאָלץ און רום
וויט אַרום און ברייט אַרום.

נאָר צום שמאַך פון א ב ו כ אַ ן
ווערט אַלץ אָרעמער דאָס לאַנד.

3. שטעכיק דראָט

ס׳איז דער פּאַלאַץ פעסט פאַרזיגלט,
שווער פאַרהאַקט אַף טויזנט ריגל,

מיט אַ פּאַרקאַן, מיט אַ צוים —
קיינער קאָן אים גרייכן קוים.

און אַף ווענט אַף הויכע דראָהט
שפּיציק גלאָז און שטעכיק דראָט.

און דעם קיניג צו באַשיצן
שטייען פּאַרטיק טויזנט בליצן —

טויזנט אויסמושטירטע פערד,
טויזנט רייטער מיט געווער,

פיקס-און-פאַרטיק, שטענדיק גרייט
צו באַגעגענען דעם טויט.

אַף די טורעמס שטייען היטער,
האַלטן וואַך געטרייע ריטער —

מ׳האָט באַפוילן — מוז מען שטיין,
שווער באַוואָפנט ביז די ציין.

שטייען שאָמרים טאָג-ווי-נאַכט,
קוקן, לאָקן, האַלטן וואַך:

אַז אַף פּאַלאַצ׳ם ווייסע ווענן
זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן,

נישט קיין פויער, קיין געזעל
קומען נאָנט צום קיניג׳ם שוועל.

קיינער, וואָס איז הויל און פּראָסט —
אַפן שעטעך פון אַ שאָס.

און די פויערים — זיי וויכן
פון דעם פּאַלאַץ, פון דעם רייכן.

און אַז ס׳לויפט שוין ווער פאַרביי —
הערט מען בלויז אַ זידלעריי

און אַ קלאָלע און אַ פלוך —
אַזש עס גייט דורך לייב אַ סקרוך.

יערט די סינע, וואַקסט דער צאָרן,
ווי אַ בליענדיקער דאָרן.

קלייבט זיך, פלעגט זיך רויטער האַס
אַפן הויף און אַף דער גאַס.

וואַקסט און נערט זיך האַס — און דראָהט
איבער שטעכעדיקן דראָט.

4. דאָס פּאָלק צאָרנט

ווייט פון פּאַלאַצ׳ס ווענט באַשיצטע,
ווייט פון טורעמס גאָלד־באַשפּיצטע,

ציט זיך, שטרעקט זיך ס׳גרויסע לאַנד —
ניט דערגרייכן מיט דער האַנט.

וואו דו טוסט מיט אויג אַ וואָרף —
ליגט אַ שטעטל, ליגט אַ דאָרף.

אין די שטעט מיט שמאָלע ליקן
שטומע פּוסטעוועון פאַבריקן.

איבער סקווער און איבער גאַס
שלייען מענטשן פּוסט־און־פּאַס.

מאָלן מילן ניט קיין ברויט,
מאָלן נאָגעדיקע נויט.

איבער שטיבער, איבער הייזער
פירט דעם הונגער׳ס דאַרער ווייזער,

וואו ער טוט אַ שטומען פיר —
עפנט זיך פאַר אים די טיר.

קומט אַריין און ציט זיך אוים —
ווערט ער הערשער איבער הויז.

אין די דערפער קרומע כאַטעס,
ווענט פון ליים און דעכער־לאַטעס.

אויסגעליידיקט האָט די נויט
פון די שייערן דאָס ברויט.

און באַזעצט זיך — דאַר און שטייף —
מיט אַ גרילצנדיקן פייף.

שווייגט דאָס דאָרף אַ שטומען שווייגן,
וויל זיין צאַאר און פיין ניט צייגן.

גייען קינדער — קליין און גרויס —
נאַקעט, באָרוועס, הויל און בלויז.

בליצן אויגן אין געוויין,
קריצן הונגעריקע ציין.

שווייגט די שטאָט אין נויט און הונגער,
שווייגט און זאַמלט קויכעס יונגע:

אַז ס׳וועט רופן לעצטער שאַל,
וועלן אויפשטיין יונג און אַלט.

שווייגט און גרייט זיך ס׳גאַנצע לאַנד
אַף אַ צייכן מיט דער האַנט.

5. ק אַ ר אַ ג ו ן

אין אַ געגנט, אין אַ ווילדער,
ווייט פון שטאָטישן געפילדער,

ווייט פון טומעלדיקע מערק,
צווישן טאָלן, צווישן בערג,

אין אַ ווילד־געדיכטן וואַלד
שטייט אַ כוטאָר — גרוי און אַלט.

צווישן פעלזן, צווישן שפּאַלטן
ליגט דאָס כוטאָרל באַהאַלטן,

ניט באַם אָנהייב, ניט באַם ברעג —
קיינער ווייסט אַהין דעם וועג.

דאָרט האָט ק אַ ר אַ ג ו ן זיך פעסט
אויסגעבויט זיין הייל־נעסט.

נישט קיין שטאָל־געשמידטע היטער,
נישט קיין גאָלד־געצירטע ריטער,

נישט קיין שווערע, טרייע וואַך
שטייט דאָרט, היט דאָרט טאָג־ווי־נאַכט.

בלויז טאַפּאָלן — שאָמרים צוויי —
ק אַ ר אַ ג ו נ׳ ע ן היטן זיי.

אױף די שטאָטישע באַזאַרן
קענען אַלע שװאַרצן ק אַ ר אַ ׳ ן,

יעדער פױער, יעדער כלאָפּ
קען זײַן שװאַרץ־געקרױזטן קאָפּ.

ס׳װײסן אַלע — אַלט און יונג:
בראַװו איז אָדלער — ק אַ ר אַ ג ו ן.

אין אַ זומער־טאָג אַ הײסן,
צװישן אַנגסטן, פרײד און שװײסן,

אױף אַ גאָלדן װײצנפעלד
פון אַ שטאָטישן געזעל

האָט אַ פױערישע מױד
אים געבױרן — הײס און רױט.

אױף די הענט פון נױט פון גראָװער
האָט זיך ק אַ ר אַ אױסגעכאָװעט,

צװישן כאַטעס — שטרױ און לײם —
אָן אַ טאַטן, אָן אַ הײם,

און פאַרזוכט שױן יונגערהײט
טערפּקען טאַם פון װיסטער נױט.

צווישן פערד און צווישן אָקסן
איז ער ראַפּטאָם אויסגעוואָקסן

אַ וויכראַסטער, בלאַטער יונג,
ברוין און שאָרסטקע, ווי די זון.

שלאַנק און הויך און פעלזן-שטאַרק,
מיט אַ מאָך-באַדעקטן קאַרק.

הייסע אָגערם, ווילדע שקאַפּעס
צוימט ער מיט די הוילע לאַפּעס.

האָבן מענטשן, פערד און פֿי
מוירע פאַר זיין אָטעמצי.

וואַקסט זיין נאָמען און זיין רום
בּרייט אַרום און ווייט אַרום

פון באַגינען ביז באַגינען
איבער   אַ ב ו כ אַ נ ׳ ס מעדינע

יאָגט מיט באַנדעס   ק אַ ר אַ ג ו ן
נאָך אַ רייכן פירשט׳ס טאַבון.

און אַז ס׳מאַכט זיך באַ דער האַנט,
שלאָגט ער אָפּ אַ קאַראַוואַן.

אָפּגעשלאָגן פּי און רינדער
באַ די הערשער, באַ די שינדער,

ברענגט צום כלאָפּ עס און גזעל —
און צעטיילט עס העלפט אַף העלפט.

ליבט דאָס פֿאָלק אים היים און צאַרט
פֿאַר זיין דימענטענעם האַרץ.

— „ק אַ ר אַ ג ו ן, דער זון פֿון פֿויער, —
קריכט אַ סלוך פֿון מויל צו אויער, —

— איז אַ יונג — אַ העלער קנויט —
און אַ ברודער אונז אין נויט.

פֿון די ליקן, שליאַך און יאַר
זאַמלט קויכעס קעגן האַר.

— „אומעטום איז ער דער ערשטער.
זאָלן קומען קיניג׳ס פֿערשטער,

זאָלן זוכן נאָכאַנאַנד
איבער לענג און ברייט פֿון לאַנד —

ס׳וועט נישט אויסגעבן דער כלאָפּ
ק אַ ר אַ ג ו נ ׳ ס געקרויזטן קאָפּ.

6. אַ ב ו כ אַ ן ב י י ז ע ר ט ז י ך...

איבער דערפער, איבער יאָרן
יאָגן אַ ב ו כ אַ נ׳ס הוסאַרן,

קלינגען שפּאָרן, הירזשען פערד,
מעסטן קאָפּיטעס די ערד.

איבער בערג און איבער טאָל
יאָגן רייטער אָן אַ צאָל.

יאָגן, נישטערן און זוכן
מיט געפּילדער און מיט פלוכן,

זוכן נעכט און זוכן טעג
און געפינען נישט דעם וועג.

— „שויטים־פערשטער! — זוכט־געפינט
אַפן פעלד דעם פרייען ווינט!“ —

הוליען כלאָפּעס, צינדן הויפן,
פּריצים ציטערן און לויפן,

שמייען ווי פאַרסאַמטע מייז,
איינציקווייז און מאַכנעסווייז,

באַ דעם קיניג זוכן שוץ
פאַרן לעבן, האָב־און־גוטס.

שיקט דער קיניג צען שטאַפעטן
איבער דאָרף און איבער שטעטל,

איבער טאָל און איבער בערג,
איבער טומעלדיקע מערק —

צו באַזוכן יעדן שוועל,
אָנצוזאָגן זיין באַפעל:

— „ק אַ ר אַ ג ו ן, דו — זון פון פויער,
ס'איז דערגאַנגען צו מיין אויער

די געשרייען, דאָס געוויין
פון דעם רייכן, ווייסןביין.

ווילסט פאַריאָגן אים פון לאַנד
מיט דיין מערדערישער האַנט.

— „דיינע באַנדעס צינדן, רויבן,
שענדן אונזער גאָט און גלויבן,

שעכטן, הארגענען לאַראָוו —
אָן אַן אויפהער, אָן אַ סאָף.

שינדן פאַסן — פרעך און דול —
ס'האָט געפלאַצט שוין מיין געדולד . . .

— „כ'בין שוין אַלט און פול מיט יאָרן,
קום איך איצט צו דיר און וואָרן:

ביזט נאָך יונג און פול מיט לוסט —
גיב זיך אונטער מיין רעשוס.

ווילסטו בלייבן מיר געטריי,
וועסטו לעבן פראַנק־און־פריי.

— „כ'וועל דערהויבן דיך צו ריטער,
כ'וועל דיר שענקען רייכע גיטער,

פערד און רינדער, שאָף און פי,
טויזנט מעלקענדיקע קי,

איידלשטיינער אָן אַ צאָל
און אַ פולע שטוב מיט גאָלד.

— „טאָמער ניט, דו — שוואַרצער גאַנעוו —
זיינען נאָך גענוג פאַראַנען

זעלנער, פערשטער, טרייע לייט
אין מיין פּאַלאַץ, בײַ מיין זייט.

ווי אַ הונט, אויף אַלע פיר,
וועט מען ברענגען דיך צו מיר." —

ד. קאַראַגוניס ענטפער

אַפן ברייטן קרייץ פון שליאַכן,
לעם אַ קלויסטערל אַ פלאַכן,

איינגעוואָרצלט טיף אין דר׳ערד,
שטייען כלאָפּעס, פּאָיען פערד,

דרייען, מאָלן מיט דער צונג —
צווישן כלאָפּעס — ק אַ ר אַ ג ו ן.

שמועסן כלאָפּעס וועגן יעטן,
וועגן אַ ב ו כ אַ נ׳ ס שטאַפּעטן,

וועגן אויסגעסאַרפּעט ברויט,
וועגן קיילעכדיקער נויט,

גליען אויגן — היים ווי זשאַר —
ביילן פויסטן קעגן האַר.

אויסגעהערט האָט שוואַרצער ק אַ ר אַ
וועגן אַ ב ו כ אַ נ׳ ס הוסאַרן,

אויסגעהערט און דורכגעטראַכט
און זיך הילכעדיק צעלאַכט.

אָפּגעבונדן ס׳פערד פון סלופּ
און אַ שויבער מיטן טשוב.

ברענען שלעסער, ווי די שייטערס.
יאָגן צ׳ריק דעם קיניג׳ס רייטער

איבער דערפער, איבער סטעפּ
מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ברענגען שטיל צום קיניג׳ס שוועל
שאַרפן ענטפער פון רעבעל:

— „אַבוכאַן, דו — בידנער הערשער,
כ׳האָב קיין פאָרכט פאַר דיינע פערשטער,

דיינע סראָרעס ווייסן וואויל:
שאַרף און טרעפלעך איז מיין קויל.

יעדער זעלנער אין דיין לאַנד
ציטרעט, פלאַטערט פאַר מיין האַנט.

— „ס׳האָט מיין האַנט ניט אויפגעהויבן
קעגן קיניג, גאָט און גלויבן,

קעגן דינער אייד׳לער הויט
הייסן קאַמף אַף טויט, צי רויט, —

אַז פאַר דיר און דיינע לייט
זאָל איך אויפגעבן דעם שטרייט.

— „כ'וויל נישט זיין דיין טרייער ריטער,
כ'וויל נישט דיינע רייכע גיטער,

נישט קיין רינדער, נישט קיין פי, —
פרוכט פון פויער'ס שווערער מי, —

און קיין זילבער און קיין גאָלד
האָב איך אויך נישט זייער האָלד.

— „העלער שיין פון אָר'מע שטיבער
פון דיין פּאַלאַץ איז מיר ליבער.

כ'וועל נישט זשאַלעווען מיין פעל
פאַרן פויער און געזעל.

ליבערשט איז מיר ליגן טויט,
איידער לאָזן זיי אין נויט.

— „אַ ב ו כ אַ ן, געמיינער הערשער,
דו און דיינע טרייע פערשטער

שניידן, שינדן הויט און פעל
פונעם פויער און געזעל.

העפקער פליסט זיין בלוט, ווי וויין
אונטער בייטש פון נויט און פיין.

— „ס׳שילטן ווייבער אַ ב ו כ אַ נ׳ ע ן
פאַר די אויסגעקיילטע מאַנען,

ס׳קלאָגן מוטערס טאָג-נאָך-טאָג
זייער יאָמערלעכע קלאָג

נאָך די אויסגעשעכטע זין
אָן אַ מישפּעט, אָן אַ דין.

— „קום איך איצט צו דיר און וואָרן:
ס׳ברויזט דאָס פאָלק און ס׳וואַקסט זיין צאָרן.

נעם די קיניגין און זון,
דעם שלאַקריריקן כ אַ ס ו ן,

היטער, ריטער און שפּיאָן —
און פאַרנעמט זיך פונעם טראָן.

— „טאָמער נישט, געמיינער הערשער,
קעגן דיר און דיינע פערשטער,

קעגן גאַנצן איידלען שטאָם
וועל איך אויפהויבן דאָס לאַנד.

אַף מיין וואָרט, אַף מיין באַפעל
גרייט איז פויער און געזעל.“ —

8. ר ו י ט ע ר ד ע מ ע ר

הילט זיך לאַנד אין רויטן דעמער:
פּריצים ציטערן, ווי לעמער.

און דער קיניג אַפן טראָן
ציטערט, פלאַטערט, ווי אַ האָן.

שיקט ער ווידער אַ באַפעל
צו דער אויפגעברויזטער וועלט:

יאָגן אַ ב ו כ אַ נ׳ ס כאַיאָלעס,
שלעפן מענטשן באַ די פּאָלעס.

פליען קעפּ און שווינגען קעפּ
פון דער שוואַרצער פלאַכע׳ס טרעפּ.

ביז עס ווערט דעם טאַליען׳ס האַנט
מיד פון האַקן נאָכאַנאַנד.

שווייגט דער כלאָפּ, אין זיך פאַרטייעט,
לעקט די וואונדן, ווי אַ כאַיע,

שווייגט באַם וואַרשטאַט דער געזעל,
וואַרט אַף ריכטיקן באַפעל.

גרייט זיך, ריכט זיך ק אַ ר אַ ג ו ן
צו זיין לעצטן לייבן-שפּרונג.

9. דער קיניג איז פאַרביי...

איבער אומעטיקע זאַלן
שמאַיען ווייסע גענעראַלן,

לויפן הין און לויפן צ׳ריק,
גליט די שרעק אין זייער בליק —

ס׳איז שוין לאַנגע וואָכן דריי,
ווי דער קיניג איז פאַרביי.

זינט דעם ענטפער פון פאַררעטער, —
עסט ניט, טרינקט ניט, ליגט צו בעט ער,

אויסגעצויגן, דאַר און קוואַר,
ווי אַ גוילעם, ווי אַ נאַר,

האַלט די אויגן צוגעמאַכט,
ראַק ער זאָרגט און ראַק ער טראַכט.

ליגט און שווייגט דער אַלטער צערנער,
מרוקעט, ווי אַן אָקס אַן הערנער,

שטשירעט מיט די פוילע ציין,
ווי אַ הונט — אַף האַרטן ביין,

וואָיעט יאָמערלעך אין רוים, —
אָבער בייסן קאָן ער קוים.

איבער אָנגעוואַקסטע דילן,
אין דעם אָפּשײַן, אין פּראַגילן,

רױפֿאים שמאַיען הין און הער,
קײַען מיט דײַ צײַן די ערד,

װילן אױספֿאָרשן, דערגײן
פֿון זײַן מאַכלע, פֿון זײַן קרענק.

לעבן קיניג, װי אַ פֿלאָקן,
הילפֿלאָז, נעבעכדיק, דערשראָקן,

שטײט זײַן יורש, שטײט זײַן זון,
דער שלאַקריריקער כּאַסון,

דין און דורכזיכטיק, װי גלאָז,
געל װי װאַקס און גרין װי גראָז.

אױסגעצירט אין גאָלד און פּליושן, —
אױסגעטאָן פֿון זיך די בושע, —

אין אַ װינקל — אײן־אַלײן —
זיצט די קיניגין און װײנט,

נאָר אין אױגן גליט אַ פֿרײד:
זיך דערװאַרט אַף קיניג׳ס טױט.

ס'איז די קיניגין פֿאַרביטערט
קעגן קיניג מיט די ריטער:

זיבן יאָר — נאַכט־איין, נאַכט־אויס
ווי זי וואַרעמט מיט איר שויס,

מיט איר יונגלייב, מיט איר בלוט
אָט־דעם אַלטן, קאַלטן ברוט.

ליגט דער קיניג אויסגעצויגן . . .
פּלוצים עפֿנט ער די אויגן,

טוט אַ הייזעריקן הוסט
און אַ כאַפּ זיך פֿאַר דער ברוסט.

לאָזן אַלע זיך צו אים,
שלוכצט זיין סקריפּעדיקע שטים:

— „זאָגט דער שלאַנג, דער בייזער קליפּע,
זאָל זי אויפֿהערן צו כליפּען.

ס'וועט נישט העלפֿן איר געוואַי.
כ'ווייס שוין פּינקטלעך און גענוי:

ז'האָט מיט אַלעם מיך גענאַרט —
פֿונעם הויף־נאַר ביזן באָרד.

— „נישט דערויף האָב איך דערהויבן
אונזער קרוין און אונזער גלויבן,

פערציק יאָר געפירט אַ קריג,
אַלץ און אַלעמען באַזיגט, —

אַז אַ גוילעם, אַז אַ שנעק
מאַכן זאָל צו אַלץ אַן עק.

— „הערט מיך אויס, איר — גענעראַלן,
טרייע ריטער און וואַסאַלן,

כ׳פיל שוין, ווי דורך האַרטע ווענט
שוואַרצער טויט צו מיר גענענט . . .

ווי באַם אָנהויב, אויך באַם סאָף,
סאָנים האָבן מיר לאָראָוו.

— „אָבער אונדזער ערגסטער סוינע
איז דער היצל, אָט־דער ברוינער,

אָט־דער הינטיש־שטאָלצער זון,
שוואַרצער גאַנעוו ק אַ ר אַ ג ו ן .

כאַפּט אים, קעפּט אים אָף געשווינד. . .
וואַרפט זיין קערפּער פאַר די הינט!” . . . — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

10. נאַך ליכט און ברויט

אין דער טעמנער נאַכט, דער וויסטער,
ציען מאַכנעס, ציען ביסטרע,

צו דעם פּאַלאַץ האַלטן וועג
איבער שליאַך און איבער שטעג,

ציען מאַכנעס, גרייט צום שלאַכט,
אין דער כאַשכעס פון דער נאַכט.

אין פּאַראַוים — אַ זייל פון פייער —
קאַראַגון, דער פּאָלקס-באַפרייער,

ברענען שראַמען, ווי אַ קרוין,
אַף זיין שטערן — הויך און ברוין.

שפּאַנט, דערנענטערט זיך צום שלאָס
מיט זיין כעוורע הויל און פּראָסט.

איבער צאַמען, איבער שוועלן
פירט ער כלאָפּעס און געזעלן,

— טוט אַ פייף און טוט אַ ברום —
פאַלט אַ שרעק אַף אַלץ אַרום.

לויפן היטער, ווי די מייז,
שמעלצן שלעסער זיך, ווי אייז.

קוקט דער קיניג — ס׳איז צום שטוינען:
— איז עס ע ר — זיין ערגסטער סוינע —

אָט־דער הינטיש־שטאָלצער זון,
ברוינער היצל — ק אַ ר אַ ג ו ן? !...

— כאַפּט אים, קעפּט אים אַף געשווינד...
וואַרפט זיין קערפּער פאַר די הינט!"...

בלייבן אַלע ווי פאַרשטיינערט,
שטייען, קלאַפּן מיט די ציינער:

— איז דאָס כאַלעם? — איז דאָס וואָר?
— ק אַ ר אַ ג ו ן וועט הערשן גאָר? —

— „זאָג, וואָס ווילסטו, ק אַ ר אַ ג ו ן,
פרייער פויערישער זון?" —

— „נישט קיין רייך און נישט קיין טראָנען
איז געקומען ק אַ ר אַ מאָנען,

נישט פאַר זיך קיין סכאַר, קיין לוין,
נישט קיין סצעפּטער, נישט קיין קרוין.

כ׳האָב פאַרשפּראָכן ל י כ ט און ב ר ו י ט
פאַר די ק י נ ד ע ר פון דער נ ו י ט.

— „קום איך מעלדן די באַפעלן,
פון די כלאַפּעס און געזעלן:

— „גיי צום קיניג אַ ב ו כ אַ ן,
זאָג דעם בלוטיקן טיראַן,

ס׳האָט שוין לאַנג דאָס פּראָסטע פאָלק
איינגעטיילט די וועלט מיט טאָלק:

— „דיר — די סראַרעס מיט די ריטער,
אונז — די שלעסער מיט די גיטער.

דיר — דעם לעצטן אָטעמצי,
אונז — די רינדער, פערד און פי.

דיר — דעם טויט אַף שפּיץ פון שווערד,
אונז — די קיילעכדיקע ערד!

— „ס׳האָט שוין לאַנג געזעל און פויער
שטום פאַרכאַסמעט אייער גוירל

און פאַרזיגלט און פאַרנייט —
און פאַרמישפּעט אייך צום טויט,

און אָוועקגעשטעלט אַ צאַם:
דיר און גאָר דעם איידלען שטאַם.

— „עפנט אַלע גאָלד־פּאַלאַצן,
אַלע אָנגערויבטע שאַצן

פאַרן מעכטיקן באַפעל
פונעם פּויער און געזעל:

ברויט און האָניק, זאַלץ און וויין —
אַלץ געהערט אים, אַלץ איז זיין!" —

אויסגעהערט די רייד פון ק אַ ר אַ ׳ ן,
קוקן אַלע צו און שטאַרן,

ווי דער קיניג טוט אַ כריפּ —
ווייזט זיך בלוט אַף בלויער ליפּ,

ציט זיך אויס אין גאַנצער גרויס,
הויכט דעם לעצטן אָטעם אויס. — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אין די זאַלן, אין די העלע
יובלען כלאַפּען און געזעלן:

— „לאַנג זאָל לעבן ק אַ ר אַ ג ו ן,
אונזער פּויערישער זון! —

דורך זיין ווילן, דורך זיין האַנט
לעבט דאָס אויסגעלייזטע לאַנד!" —

1930—1935.